STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06524

AVREML BROYDE

Ben Gold

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בען גאָלד

אַזורעמל ברוידע

די לעבנס־געשיכטע פון אַן אַרבעטער

אילוסטראַציעס און באַצירונגען
געצייכנט פון
וויליאַם גראָפּער

פאַרלאַג „מאָרגן־פרייהייט“ אַסאָסיאיישאַן • ניו־יאָרק, 1944

Avreml Broide

Copyright, 1944, by
Ben Gold, New York, N. Y.

Printed in U.S.A. by Prompt Press
113 Fourth Ave., New York 3, N. Y.
209

געווידמעט די אַמעריקאַנער
נאָדל־אַרבעטער, וואָס זיינען
געפאַלן אין שפּאַניע.

ערשטער טייל

1.

פון דער ווייטנס איז דאָס געווען אַ שטעטל, אָבער ביי די תושבים איז דאָס געווען די שטאָט. אַ בעסאַראַבישע שטאָט, אַ וועלט מיט וועלטעלעך. ס'איז געווען אַ שטאָט פון געזונטע קאָוואַל־יונגען מיט אייזערנע מוסקולן, וואָס זיי פלעגן לאָזן אין גאַנג אין אַ געשלעג צווישן אידן און שיכור'ע פויערים. ווי נאָר עפּעס אַ מהומה אויף דער מאַרק־גאַס, אַזוי פלעגן די יונגען פון דער קאָוואַלישער גאַס זיך אַ לאָז טאָן פון די קוזניעס און פאַריאָגן די שיכורים.

ס'איז געווען אַ שטאָט פון שניידער און שוסטער, וואָס האָבן באַנייט די שיינע באַלעבאַטים, באַלאַטעט די אָרימעלייט און געמאַכט טאַנדעט פאַר די יאַרידן. אַ שטאָט פון פּריקאַשטשיקעס, וואָס האָבן די גאַנצע קראָם געטראָגן אויפן קאָפּ, האָבן געוואוסט וויפיל סע קאָסט זיך און פאַר וויפיל מען קאָן די סחורה פאַרקויפן נאָך דער לאַנגער דינגעניש, — פּריקאַשטשיקעס מיט שאַרפע קעפּ, מיט געניטע אויגן, מיט געפיקטע צינגער; אַ שטאָט פון גרויסע סוחרים און קליינע קרעמער, פון וואוילקענעוודיגע אידן און גראָבע יונגען, פון פרומע ווייבער און חצופות, פון גבירים און קבצנים, פון בעלי־צדקה און קמצנים. אַ שטאָט ווי אַנדערע שטעט.

נאָר אין דער סביבה האָט די שטאָט גע'שמ'ט מער ווי אַנדערע שטעט מיט אירע גנבים, וואָס וועגן זיי האָט מען דערציילט אַלערליי מעשיות, אַ סך אמת'ע און נאָך מער אויסגעטראַכטע.

אויסגעשפּרייט אין טאָל, אַ גרויסן טייל פון יאָר איינגעווייקט אין בלאָטעס, איז די שטאָט, צי אַז איר ווילט — דאָס שטעטל, געווען אַרומגענומען מיט בערג און וועלדער און פעלדער, אַרומגעזוימט מיט

טייכן און איינגעטונקען אין סעדער. פון אַלע זייטן האָבן פּויערים געצויגן אַהין פון דער סביבה, דאָרט פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן און איינגעקויפט סחורות.

אין יענער שטאָט זיינען די תושבים שוין לאַנג צוגעוואוינט געוואָרן צו בערקע זאַווערוכע׳ס שטימע, וואָס פלעגט זיך אין די זומערדיגע נאָכמיטאָגן אַריינרייסן אין די הייזער דורך אָפענע טיר און פענצטער מיט אַ קוויטשעדיגן גרילץ, ווי פון אַ שטומפּיגער זעג אויף שטאָלענע גראַטעס. קינד און קייט האָבן געוואוסט, אַז אַזוי רעדט בערקע זאַווערוכע אויף זייַנע געלאַסענע, רואיגע טענער. שלעכט איז געווען, ווען בערקע זאַווערוכע איז געווען דערצאָרנט, וואָס האָט דוקא געטראָפן גאַנץ אָפט. דעמאָלט איז זיין קול געוואָרן קוויטשעדיגער און גרילצנדיגער און איטלעכס וואָרט האָט זיך געטראָגן איבער דער לענג און ברייט פון דער גאַס ווי אַ האַרמאַטן־קויל. גאַס האָט געמוזט שטיל ווערן, ווייל עס איז אוממעגלעך געווען צו רעדן. די הייסע ווערטער, וואָס האָבן געזעצט פון זאַווערוכעס קוויטשיג־גרילצנדיגן האַלז, ווי פון אַ קאַלך־אויוון, האָבן אָנגעפּילט די גאַס מיט אַ געפּילדער, ווי טויזנט לאָקאָמאָטיוון וואָלטן זיך מיט־אַמאָל צעפּייפט איינער נאָכן צווייטן. מענטשן האָבן מיט אַ צע־שראָקענעם „אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן" פאַרשטעלט די אויערן מיטביידע הענט, ווי זיך אויסצוהיטן פון הייסער פּאַרע.

רעכל, די גוטע, שטילע, קליין־געוויקסיגע און אויסגעדאַרטע אידינע מיט טיפע קנייטשן אויף איר געלבלעך־דינעם פּנים, וואָס האָט צוליב איר מאַנ׳ס צונאָמען געקראָגן דעם נאָמען רעכל־בערקע־זאַווערוכע׳ס, פלעגט מיט שטילע, געציילטע ווערטער, וואָס פלעגן לאַנגזאַם און באַשיידן אַרויסקומען פון אירע דינע פאַרטריקנטע ליפּן, זיך בעטן ביי איר דערצאָרנטן מאַן:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג; גענוג שוין קאָכן זיך, איך בעט דיך. וויפיל איז דער שיעור? ס׳איז דאָך אַ גאָטס־רחמנות אויפן געזונט. מע לויפט זיך דאָך צונויף ווי אויף אַ בייז וואונדער. נו, הער זיך אויף זידן, כ׳בעט דיך, האָב רחמנות.

בערקע זאַווערוכע פלעגט שווייגן, ווען זיין ווייב רעכל האָט געזאָגט איר געבעט, ווי זי וואָלט אַרויסגעלייענט פון אַ תחינה. ערשטנס, צוליב אָפּשיי פאַר זיין רעכלען, די מאַמע פון זיינע דריי געראָטענע קינדער, וואָס האָט אין איר יוגנט גע׳שמ׳ט אין שטאָט מיט איר שיינקייט און איידלקייט, הגם זי איז אויסגעכאָוועט געוואָרן אין אָרעמקייט און נויט. צווייטנס, פלעגט אים געפעלן ווערן, וואָס זי בעט זיך ביי אים מיט אַזעלכע גוטע, ווייכע און שטילע רייד. דריטנס, פלעגט בערקע דערווײַלע, ווען זיין ווייב רעכל האָט געטאָן אָפּזאָגן אירע רייד, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער אַזוי גיך ווי רעכל האָט געענדיגט, האָט זיך אויף דאָס ניי מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן אויף דער גאַס אַ האָגל פון הייסע קוילן, וואָס האָבן מיט זייער קוויטש און גרילצעריי פאַרטויבט דעם געוויינלעכן טומל פון דער גאַס.

בערקע פלעגט שטיין ווי אַן איינגעגראָבענער לעבן זיין ווייבס בייגל־ און צוקערקעס־געשטעל, זיינע הענט טיף אַריינגערוקט אין די הויזן לעבן גאַרטל. דאָס פלעגט זיין נידעריגן און ברייט־אַקסלדיגן קערפּער נאָך ברייטער מאַכן. זיינע רויטע קליינע שטעכיגע אויגלעך פלעגן נאָך רויטער און שטעכיגער ווערן און פון זיין ברייט־צעעפנט מויל פלעגן אָן אויפהער האָגלען געשרייען און געוואַלדן, גלייך ווי אימיצער וואָלט זיך געקליבן אים איבערשניידן דעם האַלז.

אַפילו ווען בערקע פלעגט שוין אָפּגעוואַלדעווען זיינע טענות און זיך שוין ענדלעך לאָזן איינבעטן און באַרואיגן פון זיין ווייב רעכלס גוטע רייד און אָנהויבן העלפן איר איינפּאַקן אין זעק די איבערגעבליבענע קרענצלעך בייגל, וואָס זיינען ווי פּאַטשערקעס אויפגעצילעט געווען אויף שפּאַגאַט, און די צוקערקעס וואָס זיינען געווען איינגעוויקלט אין רויטע, גרינע, געלע און בלויע פּאַפּירלעך מיט דעליקאַטע שפּיצעלעך אין איין עק און איינגעשניטענע דינע פרענזלעך, ווי שטייענדיגע טשופּרינעלעך, אין צווייטן עק, — אַפילו דעמאָלט, ווען בערקע האָט שוין געהאַט אָפּגעשטורעמט און אָפּגע־זאַווערוכעט, פלעגט ער נאָך אַלץ פון צייט צו צייט ווי צו זיך אַליין אַרויסשיסן עטלעכע גרילצנדיגע קוויטשערייען, וואָס זיינען, ווי עס

ווייזט אויס, געבליבן שטעקן ביי אים אין האַלז און האָבן אים געבריט ווי הייסע קוילן.

בערקע׳ס גוואַלדן זיינען געווען געצילט דאָס רוב געגן נחמן לייב דעם פּראַצענטניק, וואָס האָט באַראַבעוועט פּייוויש׳ן, בערקע׳ס ברודער, מיט זיינע פיר יתומים.

צוויי און צוואַנציג יאָר האָט פּייוויש געוואוינט אין איינעם פון די אַלטע הייזער אויף דער שניידערשער גאַס, וואָס האָבן געהערט צו נחמן לייב דעם פּראַצענטניק. יעדן פרייטאָג פלעגט פּייוויש שניידער ברענגען נחמן לייב׳ן די וועכנטלעכע צאָלונג. אַ טייל דער־פון פלעגט נחמן לייב אַראָפּרעכענען פאַר דירה־געלט, אַ טייל האָט ער צוגערעכנט צום איינצאָל פאַרן הויז און דאָס איבעריגע האָט ער זיך גענומען פאַר פּראַצענט.

חוץ די וועכנטלעכע צאָלונגען פלעגט פּייוויש שניידער באַנייען דעם פּראַצענטניק מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו די צאָלונגען און איז ניט אַריין אין די געלט־חשבונות.

בערקע האָט ניט איינמאָל געוואָרנט זיין ברודער וועגן אָט־די צאָלונגען:

— דער סוף וועט זיין, אַז נחמן לייב וועט ביי דיר צונעמען דאָס געלט און וועט דיך אַרויסוואַרפן פון שטוב. געדענק, פּייוויש, אַז דו וועסט ניט קריגן פון נחמן לייב׳ן קיין באַוואָרעניש, שוואַרץ אויף ווייס, וועט ער דיך באַראַבעווען.

און ווייטער פלעגט ער איינ׳טענה׳ן מיט זיין ברודער פּייוויש:

— וואָס טויג דיר די גאַנצע מעשה? ס׳איז אַ שטוב, איז עס? ס׳איז דאָך אַ חורבה. פאַרלאַטעטעסט איין לאַך אין דאַך און עס עפענען זיך דריי אַנדערע לעכער. שטענדיג רינט ביי דיר, ווען עס קאַפּעט אין דרויסן. האַלטסט אין איין לאַטען דעם דאַך, און אַז עס קומט אַ רעגן, דאַרפסטו אָנשטעלן שיסלען און טעפּ און מולטערס אונטער די נייע לעכער. נו, און די ווענט? עס פאַלט דאָך פון זיי שטיקער! היינט דער קעלער, די באַסקייט, דער שימל. געדענק, פּייוויש, קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען. אָדער די שטוב וועט איינ־

פאַלן, אָדער נחמן לייב וועט דיך באַראַבעווען און אַרויסשטעלן אויפן גאַס.

פייוויש שניידער, אַן אויסגעדאַרטער, איינגעהויקערטער איד אין די פופציגער, מיט אַ שיטער בערדל, איז געווען פּונקט דער היפוך פון זיין איינגערן ברודער בערקע. ער איז געווען שטומפּיג אויף דער צונג. זיין גאַנצן לעבן האָט ער געאַרבעט, זיך איינגעהערט וואָס מען רעדט צו אים און געפאָלגט וואָס מען הייסט. רעדן איז אים אָנגעקומען מיט מאַטערניש. דערצו נאָך האָט ער גערעדט אונטער דער נאָז און האָט דערפון געהאַט עגמת נפש. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מענטשן לאַכן פון אים. נאָר פאַרן אייגענעם ברודער, בפרט נאָך וועגן דער שטוב, האָבן אים ניט געפעלט קיין רייד.

— וואָס רעדסטו, וואָס? — פלעגט ער זיך בעטן ביי בערקע׳ן.

— וואָס הייסט עפּעס ר׳ נחמן לייב וועט ביי מיר צונעמען די שטוב, וועט ער גאָר? ס׳איז דאָך מיין שטוב.

— ס׳איז דיין שטוב און דו האָלטסט אין איין צאָלן און לאָטען, לאָטען און צאָלן, — איז בערקע אים אַריינגעפאָרן אין די רייד.

— אודאי צאָל איך! וואָדען, איך צאָל ניט? יעדן פרייטאָג צאָל איך וויפיל מ׳האָט אָפּגעמאַכט. ר׳ נחמן לייב קאָן צו מיר קיין טענות ניט האָבן. איך צאָל דירה־געלט, איך צאָל פּראָצענט און איך צאָל פאַר דער שטוב. און באַנייען באַניי איך ר׳ נחמן לייב׳ן פון קאָפּ ביז די פיס. הייננט פאַרוואָס זאָל ער מיך אַרויסשטעלן פון מיין שטוב, אַ?

— דו זוכסט ביי נחמן לייב׳ן יושר? קאַרג אַרימעלייט האָט ער אומגליקלעך געמאַכט, דער בלוטצאַפּער, דער פּראָצענטיק!

— ווייס איך וואָס דיר קאָן איינפאַלן, בערקע! גלאָט דו לייגסט שטיינער אויפן האַרצן.

און באמת, פייוויש׳ן איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן יעדן מאָל, ווען בערקע האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער שטוב. עטלעכע מאָל האָט ער נאָך אַזאַ שמועס מיטן ברודער געפּרואווט אַ רעד טאָן מיט נחמן לייב׳ן וועגן אַ פּאַפּיר:

— זאָלט איר מיר געזונט און שטאַרק זיין, ר׳ נחמן לייב. אַ

מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. איז אפשר, איך ווייס... אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אייער חתימה, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל מען וויסן, אַז ס׳איז מיינס.

נחמן לייב, אַ הויכער, פעסט־געבויטער איד, ווי אַ דעמב, מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד און אַ פליישיגער רויטער נאָז, וואָס אויף איר איז געזעסן אַ גרויסע בראָדיווקע, פלעגט פּיוויש׳ן איבער־שלאָגן די רייד מיט גרימצאָרן, וואָס דערפון איז די רויטע נאָז געוואָרן נאָך רויטער:

— אַזוי גאָר, דו געטרויסט מיר ניט? פון מיר ווילסטו אַ באַ־וואָרעניש?

— חלילה, חלילה, — פלעגט פּיוויש זיך טרייסלען פאַר שרעק, טאָמער וועט נחמן לייב אויף אַן אמת׳ן אין כעס ווערן און אים אויף אַן אמת׳ן אַרויסשטעלן פון שטוב. — חלילה, וואָס רעדט איר, ר׳ נחמן לייב? וואָס הייסט, איך געטרוי אייך ניט? ווער געטרויט דאָס ניט ר׳ נחמן לייב׳ן? ווי קום איך, פּיוויש שניידער, אַפילו צו טראַכטן וועגן ניט געטרויען? נאָך איך מיין...

— האָסט שוין גענוג גע׳דרשנ׳ט, — פלעגט נחמן לייב אַ ביסל ווייכער ווערן, — מער וויל איך פון דיר ניט הערן אַזעלכע רייד. אַז ס׳וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועל איך דיר אַליין געבן אַ פּאַפּיר. מיר דאַרף מען ניט דערמאָנען. איך ווייס וואָס ס׳איז מיינס און וואָס ס׳איז יענעמס. גיי געזונט און פאַרלאָז זיך אויף מיר.

פּיוויש פלעגט זיך פילן באַרואיגט נאָך אַזאַ שמועס מיט נחמן לייב׳ן און ער האָט ווייטער געצאָלט יעדע וואָך פאַר דער שטוב, פאַר פּראָצענט און פאַר דירה־געלט. ביז איינמאָל האָט פּיוויש אויפ־געהערט צו צאָלן.

פון קיין זייגער האָט פּיוויש ניט געוואוסט. ער פלעגט אויפ־שטיין פאַרטאָג און אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען די נאַפט אין לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען, האָט ער געוואוסט, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין שלאָפן. אַזוי האָט ער געאַרבעט יאָר נאָך יאָר, נאַכט נאָך נאַכט, ביז ער איז איין נאַכט אויסגעגאַנגען, ווען ס׳איז נאָך געווען

„פיאַווקע, בלוטצאַפּער, אַ כאָלערע דיר אין די ביינער!" — האָט בערקע זאַווערוכע געשאָלטן נחמן לייב׳ן דעם פּראַצענטניק.

נאָפּט אין לאָמפּ. ער איז איינגעשלאָפן ביי דער אַרבעט און געשטאָרבן מיט דער נאָדל אין האַנט.

פּייוויש האָט איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט פיר טעכטער. נחמן לייב דער פּראָצענטניק האָט געלייקנט שטיין און ביין וועגן פּייוויש׳עס וועכנטלעכע צאָלונגען און האָט אַרויסגעשטעלט די אלמנה מיט די יתומות פון דער שטוב.

פון דעמאָלט אָן האָט דאָס בערקע געקראָגן דעם צונאָמען זאָווע־רוכע. ער האָט איינגעלייגט וועלטן. טאָג נאָך טאָג פלעגט ער גיין צו נחמן לייב׳ן און מאַכן גוואַלדן.

— מערדער! גזלן! בלוטצאַפּער! — האָט בערקע געקוויטשעט.

— האָסט באַראַבעוועט מיין ברודער׳ס אלמנה מיט די פיר יתומות. אָבער ס׳וועט דיר ניט געשענקט ווערן! אַ וועלט איז ניט הפקר!

ס׳איז דערגאַנגען צו אַ דין־תורה. האָט דער רב גע׳פּסקנ׳ט, אַז אַן עדות קאָן מען ניט וויסן אויף זיכער, צי פּייוויש האָט טאַקע איינגעצאָלט פאַר דער שטוב. און אַזוי ווי קיין עדות דערויף זיינען ניטאָ און קיין פּאַפּירן אויך ניט, איז נחמן לייב על כל פּנים פונקט אַזוי באַגלויבט ווי בערקע, בפרט נאָך אַז בערקע האָט מיט זיינע אייגענע אויגן קיינמאָל ניט געזען ווי פּייוויש האָט געצאָלט נחמן לייב׳ן.

נחמן לייב׳ס גרויס הויז איז געשטאַנען אין מיטן פון דער מאַרק־גאַס. די ווענט זיינען שטענדיג געווען ווייס אָפּגעקאַלכט. דער בלעכענער דאַך איז געווען געפאַרבט אויף בלוי. אויפן ברייטן און ריינעם גאַנעק זיינען געשטאַנען פעסטע, דעמבענע בענק. פאַרנט ביים הויז זיינען עטלעכע גראָבע אַקאַציע־ביימער געווען אַרומגעבויט מיט שטאַכעטן. זומער־צו, ווען די ביימער האָבן זיך צעבליט, האָט דער ווייסער צוויט שימערירט צווישן די גרינע בלעטער און אָנ־געפילט די גאַס מיט זיסע ריחות. יעדן נאָכמיטאָג פלעגט נחמן לייב זיך אָוועקזעצן אויפן גאַנעק אונטערן שאָטן פון די ביימער און באַ־טראַכטן די מאַרק־גאַס מיט איר שטענדיגער האָוועניש.

אויף דער צווייטער זייט גאַס, אַנטקעגן נחמן לייב׳ס שיינעם הויז,

זיינען געווען אויסגעשטעלט די געשטעלן. רעכל בערקע זאַווערוכע׳ס געשטעל איז געשטאַנען אַקוראַט אַנטקעגן נחמן לייב׳ס גאַנעק.

דערפון האָט זיך עס גענומען, וואָס בערקע׳ס קולות האָבן גע־קראָגן אַ שם אין שטאָט. ווי נאָר נחמן לייב פּלעגט זיך באַווייזן אויפן גאַנעק, אַזוי האָט בערקע גענומען גוואַלדעווען:

— אָט איז ער, דער בלוטצאַפּער! אַז אויסקרענקען זאָלסטו מיין ברודער׳ס בלוטיגע האַרעוואַניע! גזלן, מערדער, רוצח! ס׳וועט דיר ניט געשענקט ווערן!

אַניט האָט ער געקוויטשעט:

— קוק אים נאָר אָן, דעם שיינעם מזרח־איד! אויף קאַטאָרגע דאַרף מען אים פאַרשיקן! ער האָט מיין ברודער געטריבן אין קבר אַריין! פּיאַווקע, בלוטצאַפּער, אַ כאָלערע דיר אין די ביינער!

וואָס מער ער האָט געשאָלטן נחמן לייב׳ן, אַלץ מער האָט עס אין אים צעבערענט דעם צאָרן און אַלץ קוויטשענדיגער איז געוואָרן זיין שטים. און אַזוי פלעגט ער גוואַלדעווען ביז נחמן לייב איז ווידער אַריין אין הויז.

גאַס און שטאָט האָט הנאה געהאַט, וואָס בערקע זאַווערוכע דער־לאַנגט דעם פּראַצענטניק וואָס יענער פאַרדינט. כאָטש בערקע׳ס שטים האָט געלעכערט דעם מוח און מענטשן האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַר־טראָגן, האָבן זיי זיך אָבער געקילט דאָס האַרץ וואָס אימיצער רעדט אַרויס זייער אייגענעם צאָרן און נעמט זיך אָן די קריוודע פון די אָרימעלייט, וואָס נחמן לייב האָט באַראַבעוועט. ווען בערקע האָט דעם פּראַצענטינק גערופן גנב, מערדער, בלוטצאַפּער, האָבן מענטשן מיט־געזאָגט — ווער מיט שטילע ווערטער און ווער אָן ווערטער: „ריכטיג, בערקע, ריכטיג. אָט אַזוי, דערלאַנג אים, דעם בלוטצאַפּער. אַ געזונט אויף דיר, בערקע! דערלאַנג נאָך! שריי פאַר אונז אַלעמען.“

2.

ביי זיך אין דער היים, אין דעם קליינעם, איינגעהויקערטן שטיבל, וואָס פון דער ווייטנס פלעגט זיך אויסווייזן, אַז דער אַלטער, געלאַטעטער דאַך, ערטערוויז באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך, ליגט אויף דער ערד, פלעגט בערקע קיינמאָל ניט געוואַלדעווען. דאָרטן פלעגט ער זיין זייער שטיל אויס גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט צו זיינע צוויי זין, כאָנע און זיידל, און נאָך מער צוליב זיין שיינער און לייטישער בת־יחידה, ריוועלע. בערקע האָט געוואוסט, אַז צוליב זיינע שטילע, געראָטענע קינדער האָט שטאָט אויף אים אָנגעהויבן קוקן מיט מער אָפּשיי. אַפילו ר׳ בערעש יחיאל׳ס, ביי וועמען בערקע האָט געדינט ווי אַ שמייסער, פלעגט מיט גרויס דרך־ארץ, ווי כמעט ביי זיינס אַ גלייכן, זיך נאָכפרעגן ביי בערקע׳ן אויף זיינע קינדער, — דאָס איינציגע וועגן וואָס ר׳ בערעש פלעגט רעדן מיט בערקע׳ן, אַחוץ וועגן זיינע צוויי שוואַרצע פערד. אַ דאַנק זיינע דריי קינדער זיינען אויך זיינע שכירות געהעכערט געוואָרן. ר׳ בערעש, דער גרויסער שטאָט־גביר, האָט בערקע׳ן צוגעלייגט אַ האַלבן רובל אַ וואָך יעדן מאָל, ווען זיין ווייב רעכל האָט אים געבוירן אַ קינד.

ריוועלע, וואָס צוליב איר שיינעם, קיילעכדיקן, כמעט קינדערישן פּנים, מיט צאַרטער הויט און רויטע בעקלעך, און אירע שוואַרצע קלוגע אויגן און הויך־פּאַרקאָמטע שוואַרצע האָר, און צוליב איר ציכטיקן אָנטאָן זיך אין פיינע קליידער, האָבן זי אירע חבר׳טעס גערופן „פּרינצעסין״, איז אָפּגעהיט געוואָרן פון טאַטע־מאַמע און אירעביידע ברידער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ריוועלע האָט געקאָנט שרייבן און לייענען אידיש, האָט שיין געזונגען, און האָט גע׳שמ׳ט אין שטעטל ווי אַ פיינע טענצערקע. אָן די ברידער פלעגט ריוועלע קיינמאָל ניט גיין צו חתונות, אָדער אין טעאַטער, ווען אַ טרופּע פלעגט זיך דאָרט

אָפּשטעלן. נאָך ריוועלע׳ן האָבן אוכאָזשעוועט די בעסטע באַל־מעלאָכעס און גרעסטע פאַרדינער אין שטעטל.

כאַנע און זיידל האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן זייער יונג.ביידע זיינען זיי געווען נידעריג־געוואַקסענע, ברייט־ביינערדיגע געזונטע יונגען, ווי זייער טאַטע בערקע זאַוערוכע. ביידע ברידער זיינען געווען גוטע באַלמעלאָכעס און גוטע פאַרדינער. כאַנע איז גיך באַוואוסט געוואָרן ווי איינער פון די בעסטע בעקערס און זיידל האָט געקראָגן אַ שם ווי אַ קינסטלער אַ שניידער, וועמען מען האָט אָנגעטרויט די בעסטע שטיקלעך אַרבעט פון די רייכסטע קונדן. צוליב זייער געניטקייט אין זייערע פאַכן און צוליב זייער פיינעם אויפפירן־זיך זיינען ביידע ברידער שטענדיג געווען באַשעפטיגט.

ריוועלע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, ווען זי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר. נישט די ברידער און נישט טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט, אַז ריוועלע זאָל גיין אַרבעטן, אָבער נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויב זי וויל אַרבעטן, זאָל זי פון אירע פאַרדינסטן אינאיינעם מיט די וועכנטלעכע ביישטייערונגען פון אירע ביידע ברידער און די מתנות פון טאַטע־מאַמע אָנזאַמלען אַ חתונה־אויסשטייער.

פון יאָר צו יאָר איז ריוועלע׳ס אויסשטייער געוואַקסן. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעגן מאַמע און טאַטער זיצן איינע לעבן דער צווייטער און פלינק אָפּפליקן דעם ווייכן פוך פון גענזענע און קאַטשענע פעדערן. דערנאָך פלעגן זיי דעם פוך אָנשיטן אין לייוונטענע ציכן. די קישנס זיינען געווען אַ טייל פון ריוועלע׳ס חתונה־אויסשטייער. זי האָט אָנגעזאַמלט טייערע שטיקער זיידנס, סאַמעט און פלוש. זי האָט אויסגענייט די ברעגן פון גוטע האַנטעכער, די זוימען פון גוטע טישטעכער, און אונטערוועש און טאַשן־טיכלעך פאַר זיך און אויך פאַר איר באַשערטן, ווען דער גליקלעכער טאָג וועט קומען.

אין פאַרלויף פון פינף יאָר האָט ריוועלע אָנגעזאַמלט דריי פולע קאַסטנס, אַחוץ דעם בעטגעוואַנט, וואָס איז געלעגן אויף די בעטן און

אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעגן מאַמע און טאָכטער פליקן
גענזענע און קאַטשענע פעדערן.

האָט דערגרייכט ביז צו דער סטעליע. די שכנים און ריוועלע׳ס חבר׳טעס האָבן איר מקנא געווען איר אויסשטייער, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט אַפילו פאַר אַ טאָכטער פון דעם רייכסטן באַלעבאָס אין שטאָט.

ריוועלע איז געווען גליקלעך מיט איר אוצר. טאַטע־מאַמע און די ברידער זיינען אויך געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זיי האָבן אַ חלק אין דעם אויסשטייער. ריוועלע׳ס אוצר האָט נאָך מער פאַרבונדן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער אין אַן ענגן פאַמיליע־בונד. ריוועלע און איר אויסשטייער זיינען געוואָרן איינס, און אינאיינעם מיטן זיידנס, סאַמעט און פּלוש זיינען אין ריוועלע׳ס קאַסטנס געלעגן באַהאַלטן די האָפענונגען און חלומות פון בערקע זאַוועדרוכע׳ס גאַנצער פאַמיליע.



3.

זונטאָג איז אין שטעטל געווען דער הויפּט מאַרק־טאָג. פּויערים און פּויערטעס פלעגן, ווער צו־פוס און ווער אויף פערד־און־וואָגן, פון אַלע זייטן אַריינשטראָמען אין שטעטל און אָנפּאַקן די מאַרק־גאַסן און קלייטן און קלייטלעך. פון אינדערפרי ביז שפּעט בייטאָג פלעגט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל זיין פאַרטאָן אין האַנדל. די פּויערים האָבן פאַרקויפט צו די אידן זייערע פּראָדוקטן: אייער און פלאַקס, חזיר־האָר און הינער, קאַטשקעס און גענז, פערד, פעל און קי, ווייץ, קוקורוזע, האָבער און גרינצייג. ווען זיי פלעגן פאַרטיג ווערן מיט דער לאַנגער דינגעניש און מיט זייער אויסרעכענען און עטלעכע מאָל איבערציילן דאָס געלט, פלעגט זיך אָנהויבן דער איינקויף. זיי האָבן געקויפט זייף און צוקער, און זאַלץ, און בוימל, און נאַפט, און שטיוול, און געזאַלצענע פיש, און פאַר די קינדער אין דער היים פאַרשיידענע נאַשערייען, — בייגל, קיכלעך, צוקערקעס, פייפעלעך און אַנדערע צאַצקעס, — איטלעכער לויט זיין פאַרמעגן. די מער־פאַרמעגלעכע פּויערים פלעגן איינקויפן אין שטעטל פערד און וועגענער, שאַפּענע פעלצן און קאַראַקולענע היטלען, סערפּן און סאַפּעס, שאַרף־שטיינער, מעסערס, טעפּ און אַנדערע זאַכן פאַר זייער באַלעבאַטישקייט.

נאָך יעדן זונטאָגדיגן מאַרק־טאָג פלעגט דאָס שטעטל זיין פאַר־מאַטערט פון טומל, דינגעניש, האַנדל און האַרעוואַניע. אויף דעם זונטאָג פלעגט מען אַרויסקוקן אַ גאַנצע וואָך, און ווען דער מאַרק איז געווען פאַריבער, פלעגן די קרעמער אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַהיים גיין מידע און צופרידענע.

עס איז געווען איינעם פון די זונטאָגדיגע מאַרק־טעג. דער טאָג איז שוין אַוועק, נאָר צווישן די דעכער האָט נאָך געברענט די פאַרגייענדיגע זון. די פּויערים זיינען זיך שוין צעפאָרן. דער טומל איז אָפּגעשניטן געוואָרן ווי מיט אַ מעסער. עס איז שטיל געוואָרן אין שטעטל, ווי אין אַן אָפּגעשטעלטער מיל. דאָ און דאָרט האָט אַ

פאַרשפּעטיגטער פויער זיך געאײַלט אײַנקויפן זײַן אָרעמע באַדערפע־ניש. די מידע קרעמער האָבן זיך מער ניט געאײַלט. זיי האָבן זיך געפוילט צו דינגען זיך וועגן מקח. אַ קונה מער, אַ קונה ווייניגער — ס׳וועט שוין ניט פּעט מאַכן די יויך. די געשטעלן מיט בייגל, קיכלעך און צוקערקעס, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט איבער דער גאַנצער לענג פון דער מאַרק־גאַס, האָבן אויסגעזען ווי פאַרלאָזענע. די ווייבער ביי די געשטעלן האָבן שוין לאַנג געוואָלט אײַנפּאַקן זייערע פאַרבליבענע סחורות און גיין אַהיים. נאָר איינע האָט געוואַרט אויף דער צווייטער צו מאַכן דעם אָנהויב.

פלוצים האָט אַ ווילדער קוויטש דורכגענומען די גאַנצע מאַרק־גאַס. בערקע זאַווערוכע איז געלאָפן איבער דער גאַס און געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— גוואַלד, אידן, באַ׳גנב׳עט! געקוילעט אָן אַ מעסער! גוואַלד, מ׳האָט אונז באַראַבעוועט! גוואַלד! ריוועלע! גוואַלד!

קרעמער זײַנען אַרויסגעלאָפן פון זייערע קלייטן. קעפּ האָבן אַרויסגעקוקט פון פענצטער. מ׳איז שוין געוואוינט געווען צו בערקע זאַווערוכע׳ס געשרייען, אָבער אַזעלכע באַנומענע קולות האָט די מאַרק־גאַס נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַפילו פון בערקע׳ן.

בערקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זײַן רעכל׳ס געשטעל אַ פאַר־סאָפּעטער און ניט אויפגעהערט צו געוואַלדעווען. אַרום רעכל׳ס גע־שטעל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די ווייבער פון די אַנדערע געשטעלן, קרעמער, פאַרבייגייער און מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פון די הייזער. רעכל׳ען איז געוואָרן פינצטער. קוים כאַפּנדיג דעם אָטעם, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, מיט אָפּגעריסענע ווערטער האָט בערקע אַרויסגעקוויטשעט דעם גרויסן אומגליק:

— באַ׳גנב׳עט... מ׳האָט באַ׳גנב׳עט... מע האָט אַרויסגע׳גנב׳עט ריוועלע׳ס — ריוועלע׳ס אויסשטייער.

— וויי און ווינד איז צו מיר! — האָט רעכל פאַרבראָכן מיט די הענט. איר מאַגערער, שוואַכער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי איז אַ פאַר׳חלש׳טע אַרײַנגעפאַלן אין בערקע׳ס אָרעמס.

— ראַטעוועט, ראַטעוועט, אַ דאָקטער! — האָט בערקע זיך צעקווישעט.

די ווייבער פון די שכנישע געשטעלן האָבן מיט ציטערנדיגע הענט אַרויסגענומען רעכל'ען פון בערקע'ס אָרעמס, זי אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, געוואַשן איר אויסגעצערט פּנים מיט קאַלטער וואַסער, געפּאַטשט זי צערטלעך איבער די איינגעדאַרטע באַקן און געקוועטשט לימענע־זאַפט אין איר מויל אַריין.

בערקע'ס און רעכל'ס בראָך איז געוואָרן דער בשותּפות'דיגער אומגליק פון דעם גאַנצן עולם, פון דער גאַנצער גאַס, פון דעם גאַנצן שטעטל.

„ריוועלע'ס אויסשטייער האָט מען אַרויסגעגנב'עט... אָ, אַוואַ!... אַ קאַרטש זיי אין די ביינער, די גנבים!... איי, איי, סאַראַ רחמנות...“

באַלד זיינען אָנגעלאָפן כאַנע, זיידל און ריוועלע. זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק. ריוועלע איז אַ בלאַסע, מיט פאַר־וויינטע אויגן געשטאַנען לעבן איר מאַמען און האָט שטיל גע־כליפּעט. כאַנע און זיידל מיט עטלעכע פריינט זייערע, בעקער־יונגען און שניידער־אינגלעך, זיינען געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון דעם עולם און האָבן שטיל און גיך גערעדט צווישן זיך.

— ריוועלע, — האָט כאַנע אַ רוף געטאָן זיין שוועסטער.

ריוועלע איז צוגעקומען צו דעם רעדל, וואו אירע בײדע ברידער און זייערע פריינט זיינען געשטאַנען. די יונגען האָבן אַ האַסטיגן דריי געטאָן די קעפּ צו איר.

— ריוועלע, — האָט כאַנע אַ בלאַסער און אַן אויפגערעגטער זיך געווענדט צו זיין שוועסטער, — ווען האָסטו לעצטנס געזען בענטשיק גנב?

— נעכטן, — האָט ריוועלע אַרויסגעכליפּעט.

— האָסטו גערעדט מיט אים? — האָט כאַנע געפרעגט.

ריוועלע האָט זיך פאַרשעמט. זי האָט אַ גיכן קוק געטאָן אויף כאַנע'ן, זיידל'ען מיט זייערע פריינט, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט כליפּענדיג דערציילט, אַז בענטשיק פלעגט זי אָפּוואַרטן,

ווען זי פלעגט גיין אַהיים פון דער אַרבעט און פלעגט צו איר רעדן פון ליבע און געוואָלט זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

כאַנע און זיידל מיט זייערע פריינט זיינען אַוועק. זיי זיינען אַריין אין דער בעקעריי, וואו כאַנע האָט געאַרבעט. יעדער פון זיי האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ גראָבער שטיק האָלץ, און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זוכן בענטשיק גנב. זיי האָבן אים געזוכט אין יעדן ווינ־קעל, אין יעדן איינפאָר, אין יעדן זינדיגן פּלאַץ, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. אָבער אומזיסט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געזוכט און געניששטערט אין די היימען פון בענטשיק׳ס פריינט און קרובים, נאָר אין ערגעץ האָבן זיי ניט געפונען קיין שפור פון אים, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. פאַרטאָג האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים פאַרמאַטערטע. בענטשיק גנב איז ווי אין וואַסער אַריין. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער זיכערקייט, אַז בענ־טשיק האָט אַרויסגע׳גנב׳עט ריוועלע׳ס אויסשטייער כדי זיך אָפּ־צורעכענען מיט איר דערפאַר, וואָס זי מיידט אים אויס און וויל מיט אים ניט חתונה האָבן.

כאַנע און זיידל זיינען מער ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. יעדן טאָג און יעדע נאַכט האָבן זיי געזוכט בענטשיק׳ן. זיי האָבן געהיט יעדע הויז, וואו בענטשיק פלעגט זיך אויפהאַלטן. דער אַרבעטער־פאַראיין האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו העלפן כאַנע׳ן און זיידל׳ען גע־פינען די גנבה. דער פאַראיין האָט אויך באַשלאָסן צו פאַריאָגן בענ־טשיק׳ן פון שטעטל, נאָר צוערשט וועט ער מוזן אומקערן ריוועלע׳ס אויסשטייער.

ריוועלע איז פון ערגערניש קראַנק געוואָרן און האָט געמוזט ליגן אין בעט. רעכל האָט אַכטונג געגעבן אויף איר בת־יחידה, וואָס איז אין איין טאָג אַזוי צעבראָכן געוואָרן, אַז עס איז שווער געווען זי צו דערקענען. בערקע האָט געזיפצט אין דער שטיל. אַ שווערער צער האָט איינגעוויקלט בערקע׳ן מיט זיין הויז־געזינד.

4.

בענטשיק זלמן דעם שוואַרצנ׳ס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין איינעם פון די פויערישע שטיבלעך ווייט אַרויס פון שטאָט, לעבן וואַלד, און געוואַרט, אַז דאָס שטעטל זאָל זיך אָפּקילן. מיט אים איז געווען זיין שטענדיגער באַגלייטער, זיין רעכטע האַנט, שייקע אָקס, — אַ הויכער, געזונטער יונג, וואָס האָט צוליב זיין ריזיגער גבורה פאַרנומען דאָס צווייטע פּלאַץ נאָך בענטשיק׳ן אין דער באַנדע גנבים פון שטעטל.

מאָטקע טעלעגראַף, דער שפּיאָן פון דער באַנדע, איז געקומען יעדע נאַכט צו בענטשיק׳ן, אים געבראַכט די נייעס פון שטעטל און אויך עסנוואַרג, בראָנפן און ווייַן פאַר בענטשיק׳ן מיט שייקע׳ן.

מאָטקע טעלעגראַף איז געווען די אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער באַנדע. אַ קליינינקער, אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציגן פּנים און אַ שפּיציגער לאַנגער נאָז און נערוועזע אַרומטאַנצנדיגע שוואַרצע אויגעלעך, פלעגט מאָטקע אַרומגיין איבערן שטעטל אַ שווייגנדיגער און בלויז קוקן, זען און הערן. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע מעטאָדן אויסצוגעפינען ביי וועמען עס איז פאַראַנען געלט און צירונג און אין וועלכע שניט־קראָמען עס זיינען דאָ גרויסע זאַפּאַסן טייערע שטאָפן. די אַלע ידיעות פלעגט מאָטקע טעלעגראַף צושטעלן בענטשיק׳ן, און יענער האָט שוין באַזאָרגט דאָס איבעריגע.

מאָטקע האָט אויך געוואוסט ווער פון דער באַנדע ס׳האָט אַ לויזע צונג. אויך האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויף די קליינע שנעקעס, וואָס פלעגן זיך באַשעפטיגן מיט קליינע גנבות. אויב איינער פון זיי פלעגט אַרויסווייזן טאַלאַנט, פלעגט מאָטקע אים רעקאָמענדירן פאַר בענטשיק׳ס באַנדע.

נאָך דעם ווי אַ וויכטיג שטיקל אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן,

פלעגט בענטשיק מיט זיינע מענטשן זיך אויסבאַהאַלטן אין זייערע לעכער. מאַטקע פלעגט אַרומגיין איבערן שטעטל אויסצושמעקן וואו עס האַלט. ביז ער האָט ניט געגעבן דעם סיגנאַל, אַז עס האָט זיך שוין אויסגעלייטערט, פלעגט קיינער פון די גנבים ניט וואַגן אַרויס־צוקריכן פון די באַהעלטענישן. ווײַ איז געווען צו דעם, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצוגיין אין גאַס אָן מאַטקע׳ס דערלויבעניש. שייקע אָקס, און אַמאָל אַפילו בענטשיק אַליין, פלעגט דעם פאַרזינדיגטן שלאָגן מכות רצח און פאַרקלענערן זיין חלק פון דער גנבה. בענ־טשיק׳ס פריקאַז איז געווען, אַז קיינער פון דער באַנדע זאָל ניט ווידערשפּעניגן מאַטקע׳ס וואָרט, און בענטשיק׳ס פריקאַז איז געווען געזעץ.

בענטשיק איז נאָר־וואָס אַלט געוואָרן פינף־און־צוואַנציג יאָר. ער איז געווען הויך געוואַקסן, מיט אַ בויגעוודיגן, אויסמוסקולירטן קרעפטיגן קערפּער. ער האָט געהאַט אַ שיינעם, גלאַטן פּנים, אַ גע־טאָקטע נאָז, ווייסע שטאַרקע ציין און אַ מעכטיגע מאָרדע. זיינע גע־דיכטע שוואַרצע האָר האָבן האַרמאָנירט מיט זיינע גרויסע ברענענ־דיגע שוואַרצע אויגן. ער איז שטענדיג געווען רייך אָנגעטאָן און האָט אויסגעזען מער ווי אַ וואַיאַזשאָר פון אַ גרויסער פירמע, איידער אַ גנב און פירער פון אַ באַנדע. פון אַלע בלוטיגע געשלעגן, וואָס בענטשיק האָט יאָרן־לאַנג געפירט, ביז ער האָט געקראָגן די אויבער־האַנט איבער די פריערדיגע אָנפירער און אַליין געוואָרן דער פירער פון דער באַנדע גנבים און שלעגער, איז ער אַרויס אָן אַ קראַץ אויף זיין פּנים. די לעכער און שניטן, וואָס ער האָט געקראָגן אין קאָפּ, האָבן זיך גיך פאַרהיילט און די סימנים זיינען פאַרדעקט געוואָרן פון זיינע געדיכטע האַרטע האָר.

צו פופצן יאָר איז דער קליינער בענטשיק און זיין יונג שוועסטערל געבליבן קיילעכדיגע יתומים. זייער טאַטע, זלמן דער שוואַרצער, אַ הויכער, קרעפטיגער איד, האָט געהאַט אַ שווערע פּרנסה. ער האָט געהאַנדלט מיט פערד און האָט אויס אָרעמקייט זיך ניט שטאַרק געגריבלט צי די פערד זיינען כשר׳ע אָדער ניט. זלמן

מיט זיין יוגנט־פריינט און שותף, אַביש דער בער, האָבן היבשלעך אונטערגעהאַנדלט מיט גע׳גנב׳עטע פערד. אין אַ געשלעג מיט פּויערים, וואָס האָבן דערקענט זייערע פערד, איז זלמן דער שוואַרצער דערשלאָגן געוואָרן צום טויט און אַביש דער בער איז אַזוי צע׳ממית׳ט געוואָרן, אַז ער איז געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל זעקס חדשים. בלויז זיין ריזיגע גבורה האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. נאָך זלמנ׳ס שרעקלעכן טויט איז זיין ווייב שרה קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ פון גרויס ערגערניש און איז געשטאָרבן צוויי חדשים נאָך איר מאַן. בענטשיק מיט זיין שוועסטערל ציפּקע זיינען געבליבן ווי אויפן וואַסער. זלמנ׳ס שוועסטער פון דערבייאיגן שטעטל האָט גענומען ציפּקען צו זיך. אַביש מיט זיין ווייב פריידל האָבן אַריינגענומען בענטשיק׳ן. אָבער בענטשיק האָט זיך ניט געהאַלטן לאַנג ביי זיינע נייע טאַטע־מאַמע. ער איז איינגיכן פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אַריין. אַביש האָט אים געזוכט, זיך געלאָזט קאָסטן געלט אים צו געפינען. עטלעכע מאָל האָט ער געקראָגן שלעכטע גרוסן פון בענטשיק׳ן. איינמאָל האָט מען אים אַפילו געלאָזט וויסן, אַז בענטשיק איז פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה ערגעץ זייער ווייט. איז אַביש אַוועק צום אַדוואָקאַט פון שטעטל, און יענער האָט זיך נאָכגעפרעגט אין די הויכע פענצטער, נאָר קיין ענטפער האָבן זיי ניט באַקומען.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך בענטשיק פּלוצים געיאַוועט אין שטעטל. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען. ס׳איז אים ניט געווען צו דערקענען. אַן אויסגעוואַקסענער, אַ פאַרפּוצטער איז ער אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט דאָס שטעטל און זיך געוואָרפן מיט געלט אויף אַלע זייטן. אַביש האָט געוואוסט, אַז בענטשיק איז אַ פאַרפאַלענער, און ער האָט אים אויסגעמיטן. בענטשיק איז פאַרבליבן אין שטעטל, וואו ער האָט נאָך ביטערע געשלעגן איבערגענומען די פּירערשאַפט איבער דער באַנדע.

בענטשיק האָט אָנגעפירט זיינע גנבות דאָס רוב אין די אַרומיגע שטעטלעך, כאָטש אין זיין שטעטל האָט ער אויך אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט, ווען דאָס האָט זיך שטאַרק געלוינט. אָבער אַן זיין דער־

ער האָט צו איר גערעדט פון ליבע און געזאָגט, אַז שענער פון איר
איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

ליבעניש האָט די באַנדע ניט געטאָרט טשעפּען קיינעם אין דעם אייגענעם שטעטל. און קיין גנב פון אַנדערע שטעט האָט ניט גע־וואַגט אַריינצושטעקן זיין נאָז אין בענטשיק׳ס קעניגרייך. ער האָט, הייסט עס, „באַשיצט״ דאָס שטעטל פון פרעמדע גנבים. ווען ער האָט אין זיין אייגענעם שטעטל געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, איז דאָס געווען אַ פּעטער ביסן אויפן חשבון פון אַ גביר. שטאָט און בענטשיק האָבן דעריבער געלעבט בשלום. די איינוואוינער האָבן געציטערט פאַר אים מיט זיין באַנדע. ער פון זיין זייט האָט ניט געזוכט קיין אומזיסטע קריגערייען. אים איז געפעלן געוואָרן, וואָס מ׳האָט פאַר אים מורא. און אַמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס שטעטל האָט פאַר אים גרויס אָפּשיי. דאָס האָט אים הנאה געטאָן.

בענטשיק׳ס ליבע צו ריוועלע׳ן האָט זיך צעפלאַקערט פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט זי דערזען. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. האָט ער אויף זיין שטייגער אָנ־געהויבן אוכאַזשעווען נאָך איר. ער פלעגט זי אָפּוואַרטן אין די הינטער־געסלעך, דורך וועלכע זי פלעגט גיין אַהיים פון דער אַרבעט, און זיך בעטן ביי איר, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. ער האָט צו איר גערעדט פון ליבע און האָט איר געזאָגט, אַז שענער פון איר איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

צוערשט זיינען ריוועלע׳ן געפעלן געוואָרן די באַגעגענישן מיט בענטשיק׳ן. עס איז איר געפעלן וואָס דער שטאַרקער, שיינער יונג, פאַר וועמען דאָס גאַנצע שטעטל ציטערט, בעט זיך ביי איר זי זאָל אים נעמען פאַר איר מאַן. זי האָט זיך עטלעכע מאָל געלאָזט איינ־בעטן און אָנגענומען פון אים מתנות, — איינמאָל אַ גאָלדן זייגערל, אַ צווייטן מאָל אַ בראַסלעטל באַזעצט מיט דימענטלעך, אַ דימענטענע שפּילקע און אַנדערע שטיקלעך צירונג. בענטשיק פלעגט זיך שווערן פאַר ריוועלע׳ן ביי זיינע טויטע טאַטע־מאַמע, אַז ער וועט אויפגעבן אויף אייביק זיין איצטיגע באַשעפטיגונג און אָנהייבן אַן ערלעך, אָנ־שטענדיג לעבן, אויב נאָר זי וועט מיט אים חתונה האָבן. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי באַהענגען פון קאָפּ ביז די פיס מיט

פערל און בריליאַנטן און זי וועט ביי אים לעבן אין וואוילטאָג, ווי אַן אמת׳ע פרינצעסין, מיט דינסטן און באַדינער, ווייל ער האָט אָנ־געגרייט גענוג. ער איז שטיין־רייך.

ריוועלע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס קאָן ניט געשען. זי האָט שוין אַ חתן און זי וועט ניט אָפּלאָזן דעם שידוך. האָט זיך בענטשיק ביי איר געבעטן זי זאָל מיט אים אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

ריוועלע האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר בענטשיק׳ן און זי האָט וועגן דעם דערציילט אירע ברידער. זיי האָבן ניט גענומען ערנסט די גאַנצע מעשה. דאָך האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איינער פון זיי זאָל ריוועלע׳ן אַהיים פירן פון דער אַרבעט איין וואָך, און די צווייטע וואָך זאָל דער צווייטער ברודער זי אַהיים פירן. בענטשיק האָט פון דערוויטנס געזען, ווי יעדן אָוונט וואַרט אויף ריוועלע׳ן איינער פון אירע ברידער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אים. עס האָט אין אים אָנגעהויבן זידן די גנבה׳שע רציחה. ער איז געוואָרן נאָך מער אויפגעקאָכט, ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז ריוועלע וועט טאַקע אין גיכן ווערן אַ כלה און אַז זי וועט פאַרקנאַסט ווערן צו אַביש דעם בער׳ס בן־יחיד, דעם שיינעם און געראָטענעם אַוורעמל, דעם בעסטן האָלץ־שניצער אין שטעטל. די נייעס האָט ער געקראָגן פון מאַטקע שפּיאָן. בענטשיק האָט אָפּ־געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, ווען ריוועלע איז צופעליג געגאַנגען אַליין אַהיים, און האָט איר געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך נוקם זיין אין איר.

— אויב איך וועל דיך ניט נעמען, וועט קיינער דיך ניט נעמען, — האָט בענטשיק געזאָגט.

אויף מאָרגן האָט ער אַרויסגע׳גנב׳עט ריוועלע׳ס אויסשטייער. ער האָט ביי זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן, וואָס זאָל אַזוי פּריי־טשמעליען ריוועלע׳ן, אַז זי זאָל אים פאַלן צו די פיס און זיך בעטן, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. ער האָט זיך פאַרשוואוירן, אַז ווען אַפילו עס קאָסט אים זיין לעבן, מוז ער זיינס אויספירן און חתונה האָבן מיט דער פרינצעסין.

5.

אין הויז ביי אַביש דעם בער האָט זיך פּלוצים באַזעצט די מרה־שחורה. זונטאָג בייַנאַכט האָבן פריידל און אַביש אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. עס האָט זיי ווי געטאָן פאַר ריוועלע׳ן, ווייל זיי האָבן זי האָלד געהאַט און זי באַטראַכט ווי זייער צוקונפטיגע שנור. וועגן קיין בעסערן שידוך פאַר זייער אַווערמל׳ען האָבן זיי גאָר ניט גע׳חלומ׳ט. זיי האָבן געוואוסט ווי ליב און טייער ריוועלע איז ביי זייער איינציגן זון. און אַליין האָבן זיי ליב געהאַט ריוועלע׳ן ווי אַן אייגענע טאָכטער. עס פלעג ביי זיי אין הויז ליכטיגער ווערן, ווען ריוועלע מיט אַווערמל׳ען פלעגן אַריינקומען שבת־נאַכט נאָך דעם שפּאַציר. פריידל פלעגט זי אויפנעמען מיט דעם שענסטן און בעסטן. זי פלעגט אָפּבלאָזן דאָס בענקל פאַר ריוועלע׳ן, און ווען איר אַווערעמל פלעגט אַהיים פירן ריוועלע׳ן, פלעגט פריידל שטיין אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר און אַ גליקלעכע, אַ שיינענדיגע באַגלייטן ביידע קינדער מיט אירע אויגן ביז זיי זיינען פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט.

אַווערעמל איז געווען הויך־געוואַקסן און גלייך ווי אַ סטרונע, אַזוי ווי די מאַמע. זיינע מילדע בלויע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון זיין קיילעכדיגן פּנים מיט אַ ווייכער גוטסקייט. ער האָט געהאַט גע־קרייזלטע, טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן אַרומגענומען זיין שטערן ווי אַ קרוין. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים ליב געהאַט. די מיידלעך — פאַר זיין שיינקייט, און די באַלעבאַטים — פאַר זיין שטילקייט, פיינקייט און זיין געטריישאַפט צו זיינע עלטערן. ביי פריידל׳ען און אַביש׳ן איז אַווערעמל געווען די גאַנצע פרייד פון זייער לעבן, גאָטס באַלוינונג פאַר זייער תשובה אויף די זינד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען אין זייערע יונגע יאָרן. אַווערעמל איז געווען אַ קינסטלער אַ האַלץ־

שניצער, האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט קיין טאָג ביי דער אַרבעט און האָט פאַרדינט גענוג זיך צו קליידן גוט, צו קויפן זיין געליבטער ריוועלע'ן ווערטפולע מתנות, און צו שפּאָרן אַ ביסל געלט, כדי צו עפענען אַ מאַסטערסקאַיאַ פאַר זיך אַליין.

זונטאָג ביינאַכט, ווען ריוועלע איז קראַנק געוואָרן פון ערגערניש צוליב דער גנבה, איז אַוורעמל ניט געקומען אַהיים. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט אין זיינע דריי־און־צוואַנציג יאָר וואָס ער איז ניט געקומען אַהיים שלאָפן. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן לעבן ריוועלע'ס בעט. דערנאָך האָט ער געוואַנדערט אָן אַ ציל איבער די גאַסן, אַליין ניט וויסנדיג וואוהין ער גייט. עס האָט זיך אים גע־מישט אין קאָפּ זיין קראַנקע צעווייטאָגטע ריוועלע, איר אויסשטייער, אויף וועלכן זי האָט שווער געהאָרעוועט גאַנצע פינף יאָר, און בענ־טשיק גנב, וואָס האָט דעם אויסשטייער צוגע'גנב'ט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, כאָטש געפילט האָט ער, אַז עפּעס מוז ער טאָן צו העלפן ריוועלע'ן. עטלעכע מאָל, ניט וויסנדיג ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, האָט ער זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז ער שטייט לעבן זיין ריוועלע'ס הויז. פון די קליינע פענצטערלעך האָט שוואַך אַרויס־געלויכטן די שיין פון דעם לאָמפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז בערקע'ס הויז־געזינד שלאָפט ניט. עס האָט אים ווי געטאָן פאַר בערקע'ן, פאַר דער גוטער רעכל'ען, פאַר ריוועלע'ן מיט אירע ברידער. ער האָט געוואָלט אַן עפּן טאָן די טיר, נאָר עפּעס האָט ער ניט געוואַגט אין מיטן נאַכט אַריינצוגיין צו ריוועלע'ן און ער האָט זיך ווייטער געלאָזט וואַנדערן איבער די גאַסן. פאַרטאָג איז ער געקומען אַהיים. ער איז שטיל אַריין צו זיך אין צימער, האָט פאַררוקט די פאָרהענגלעך איבער די פענצטער, אַרונטערגעשלעפּט די שיך, אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און אין די הויזן זיך אַריינגעוואָרפן אין ווייס־אויסגעבעטן בעט, וואָס זיין מאַמע פלעגט אים אַלע נאַכט צוגרייטן.

ווען אַוורעמל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין די זון אַריינ־געשיינט אין זיין צימער דורך די פענצטער. ער איז געבליבן ליגן אין בעט. אין קאָפּ האָבן זיך אים ווידער גענומען פּלאָנטערן די

זעלבע קאַלעמוטנע געדאַנקען ווי נעכטן ביינאַכט. אים האָט זיך גע־וואָלט לויפן צו ריוועלע׳ן, נאָר ער איז געבליבן אויסגעצויגן אין בעט. פריידל איז מיט ווייכע טריט אַריינגעקומען אין זיין צימער. אָורעמל האָט דערקענט זיין מאַמע׳ס טריט. ער איז געבליבן ליגן אין דער זעלבער פּאָזע.

— גוט מאָרגן דיר, זון, — האָט פריידל מיט געמאַכטער גע־לאַסנקייט באַגריסט אָורעמל׳ען, און ניט וואַרטנדיג אויף זיין ענט־פער, האָט זי אים גערופן עסן פרישטיק.

מיט אַ טרויעריגער שטימע האָט אָורעמל געענטפערט, אַז ער איז ניט הונגעריג. פריידל האָט געפרעגט וואָס ריוועלע טוט. אָורעמל האָט געענטפערט קורץ און שאַרף:

— קראַנק.

— דו גייסט היינט ניט צו דער אַרבעט? — האָט פריידל געפרעגט.

— ניין.

די מאַמע האָט זיך אַרויסגערוקט פון צימער מיט די זעלבע ווייכע טריט, ווי זי איז אַריינגעקומען.

אין דעם גרויסן עס־צימער, ביים קיילעכדיגן טיש אַרומגעשטעלט מיט בענקלעך, איז אַביש געזעסן ביי אַ האַלב־אויסגעטרונקענער גלאָז טיי, ביידע הענט פאַרפלאָכטן אַרום זיין ברייטן ברוסטקאַסטן, פאַר־זונקען אין געדאַנקען. ער האָט געפילט, אַז עפּעס אַן אומגליק רוקט זיך אָן אויף אים. ער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דער אומגליק וועט קומען, נאָר ער איז געווען זיכער, אַז די מעשה מיט ריוועלע׳ס אויסשטייער וועט גלאַט ניט אַפּגיין.

אין קאָפּ האָבן זיך אים געבאַמבלט זכרונות פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווען ער איז באַלד נאָך דער חתונה פאַר־משפט געוואָרן פאַר גנבה צו זיצן אַ יאָר אין תפיסה. זיין פריידל איז דעמאָלט נאָר־וואָס פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט אָורעמל׳ען. גלייך ווי דאָס וואָלט נעכטן געשען, האָט ער געזען ווי פריידל באַגלייט אים מיט אירע בלויע אויגן, אָנגעפילט מיט טרערן. ער האָט זיך דער־

מאַנט, אַז ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, איז שוין אָווּרעמל אַלט געווען פיר חדשים. זיין פריינט זלמן דער שוואַרצער האָט אים אַריינ־גענומען פאַר אַ שותף צו האַנדלען מיט פערד. זיי האָבן ביידע אָפּ־געמאַכט ביי זיך, אַז זיי וועלן ניט האַנדלען מיט קיין טריפה׳ער סחורה. אָבער דער דלות האָט זיי ביידן געפּלאָגט, און זיי האָבן נאָכגעגעבן דעם יצר הרע. די שותפים האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען. אַלץ וואָלט געווען גוט, דאָס געשעפט האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. ווען ניט אַרקע מסור, וואָלטן זיי ביידע געווען רייכע מענטשן. אַרקע האָט זיי גע׳מסר׳ט, און זיין פריינט זלמן איז פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה.

אַביש האָט זיך דערמאָנט אין יענער בייזער ווינטער־נאַכט. ער איז געזעסן אין דער היים און געגאָסן אין זיך גלעזער בראָנפן. עס האָט אים געברענט, וואָס זיין פריינט איז אַריינגעפּאַקט געוואָרן. ס׳האָט אין אים געזאָטן די רציחה קעגן אַרקע מסור. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון בענקל ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. פריידל האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. אָווּרעמל איז שוין אַלט געווען צען יאָר, איז געוואַקסן שיין און האָט געשיינט ווי די זון. פריידל האָט אויסגעשריען:

— וועסט ניט גיין, אַביש! עס ברענט ביי דיר די רציחה אין די אויגן. איך האָב מורא, עס וועט געשען אַן אומגליק.

אָבער אַביש האָט זי אָפּגעשטופּט, אַן עפן געטאָן די טיר און איז געלאָפן צום מסור. אַרקע איז געזעסן און האָט געשמאַק געגעסן. אַביש האָט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער גענומען האַמערן איבער אַרקע׳ס קאָפּ, ביז יענער איז געפאַלן צו דער ערד ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. אַרקע איז געווען טויט. אַביש׳ן האָט מען פאַרשיקט אויף זיבן יאָר קאַטאָרגע.

אַביש האָט ניט געוואָלט טראַכטן פון זיין ביטערן לעבן אויף קאַטאָרגע. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט אים פריידל צוריק־גענומען, גלייך ווי קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט. די זיבן יאָר האָט זיין פריידל זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד, געווען אַ דינסט און איז

אויסגעשטאַנען אַן אַ שיעור חרפות־בושות. דאָס האָט אים געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער האָט זיין גוטער פריידל פאַרשאַפט אַזויפיל צרות. דורך דער צייט איז אַוורעמל אויפ־געוואַקסן און איז שוין געווען אויף דער לערע ביי שבתי דעם האָלץ־שניצער.

זלמן, וואָס איז שוין געווען לאַנג פריי, האָט אַביש׳ן צוריק אַריינ־גענומען אין שותפות, און אין אַ קורצער צייט איז פאַרגעקומען דער גרויסער אומגליק. די פויערים האָבן זלמנ׳ען דערשלאָגן צום טויט און ער אַליין איז חדשים־לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל.

ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט און געשוואוירן זיין פריידל׳ען, אַז מער וועט זיין האַנט זיך ניט צורירן צו קיין טריפה׳נער סחורה. ער האָט געפאָלגט פריידל׳ען און איז אַוועק צום רב אַ נדר טאָן, אַז ער וועט ווערן אַ מענטש מיט אַלע ערלעכע מענטשן גלייך. אַביש האָט זיך דערמאָנט, ווי מען האָט אים געפירט אין שול, אַזוי ווי מען פירט אַ בר־מצוה אינגל. ער איז געשטאַנען ביי דעם אָפענעם אָרון־קודש איינגעהילט אין אַ טלית; אַ מנין אידן אין טליתים זיינען געשטאַנען לעבן אים. צוויי גרויסע ליכט האָבן געברענט אויף צוויי שטענדערס לעבן דעם אָפענעם אָרון־קודש. דער רב, דער קליינער שוואַכער ר׳ שימעלע, האָט פיר־געזאָגט און ער האָט נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. אַ קאַלטער שוויס האָט באַשלאָגן אַביש׳ן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין נדר. ער געדענקט ווי דער רב האָט אים געגעבן די האַנט און אים געוואונטשן הצלחה. אויך די אידן האָבן אים געגעבן די הענט, און אים גע־וואונטשן אַן ערלעך, גרינג לעבן. ער איז אַרויס פון שול מיט אַ גרינג האַרץ, אַ גערייניגטער, אָנגעפילט מיט נייע האָפענונגען. די לופט אין דרויסן האָט אים אויפגעמונטערט. דאָס שטעטל איז אים נעענטער און היימישער געוואָרן.

פון דעמאָלט־אָן האָט ער געוויכט פון טריפה׳נער סחורה. גרינגע פאַרדינסטן האָבן אים מער ניט געלאָקט. ער איז געווען צופרידן מיטן אָרעמען כשר׳ן שטיקל ברויט. און איצט האָט ער פּלוצים

דערפילט, אַז ער שטייט אויפֿן שוועל פֿון אַ נייעם און גרויסן נסיון.

אַביש האָט ניט באַמערקט ווי פֿריידל איז אַריין אין שטוב. ער האָט ניט געהערט ווי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן אים. זי האָט אים אַ רוף געטאָן ביים נאָמען. אַביש האָט האַסטיג אַ דריי געטאָן זיין גרויסן קאָפּ, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט שוואַרצע און גרויע האָר ביז איבערן האַלז־און־נאַקן, און אַ ברום געטאָן:

— האַ, זאָגסט עפּעס, פֿריידל?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און עס האָט אים פֿאַרקלעמט ביים האַרצן. פֿריידל איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. אירע אויגן זיינען געווען אָנגעפֿילט מיט טרערן.

— אַביש, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיגן קול, — אוורעמל האָט נאָך גאָרניט געגעסן. ער זיצט ביי זיך און גיסט אין זיך בראָנפֿן.

אַביש'עס שווערער קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן. ער האָט אַרונטערגענומען די הענט פֿון ברוסט־קאַסטן און זיי אויסגעצויגן ביז די עלנבויגנס אויפֿן טיש.

— בראָנפֿן? — האָט ער איבערגעפֿרעגט פֿריידל'ען, און ניט וואַרטנדיג אויף איר ענטפֿער האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט: — ווי קומט צו אוורעמל'ען טרינקען בראָנפֿן?

אַ טיפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַביש'עס ברוסט. זיין גרויסער קאָפּ מיט דער ברייטער באָרד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע שטאַרקע הענט.

— אַביש, — האָט פֿריידל ווייטער גערעדט מיט אַ וויינענדיגן קול, — וואָס שווייגסטו? עס איז אַ גרויסער אומגליק, זאָג איך דיר. עס האַלט שלעכט מיט אוורעמל'ען.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף פֿריידל'ען. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים, האָט אויסגעווישט די אויגן מיטן פֿאַרטוך און אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַרטן, קאַלטן קול:

— אַביש, עס ברענט ביי אים די רציחה אין די אויגן...

אַביש האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון בענקל און אַ רעווע געטאָן:

— פריידל!

זיין רעכטע האַנט האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטן. פריידל האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ און פאַרשטעלט מיט ביידע הענט איר פּנים. אַביש׳עס האַנט איז אַ רגע געבליבן אין דער לופטן, ווי פאַרפרוירן, און האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש, ער זאָל ניט פאַלן. זיינע פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט. ער האָט זיך שווער אַרונטערגעלאָזט צוריק אויף דעם בענקל. אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט די שטוב. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַפילו דער גרויסער וואַנט־זייגער האָט אויפגעהערט קלאַפּן. ענדלעך האָט אַביש שטיל אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, פריידל, אַן אומגליק אויף אונדז! אוי, אַן אומגליק!

פריידל האָט ניט געענטפערט. עס האָט איר ווי געטאָן פאַר איר אַביש׳ן, נאָר עס איז איר אויך גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. זי האָט דערפילט אַן אינעווייניגסטע וואַרעמקייט. אַ גרויסע פרייד האָט אָנגעפילט אַלע אירע גלידער, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט אַוורעמל׳ס מיילעכל ביי איר ברוסט. עס האָט איר גרויס הנאה געטאָן, וואָס אַביש האָט גובר געווען זיין ווילדן כעס און איר ניט דערלאַנגט, ווי אַמאָליגע יאָרן. פון זינט אַביש האָט אַ נדר געטאָן, האָט זי ניט אויפגעהערט זיך צו שרעקן, טאָמער וועט אויף אים אָנפאַלן אַ כעס און ער וועט אָנהויבן זיינע אַלטע שטיק. איצט האָט זי געוואוסט, אַז איר אַביש וועט שוין פאַרבלייבן אַ געלייטערטער, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. איר שרעק איז מיט־אַמאָל אַוועק. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ געראַטעוועטער, אַז דער אַמאָליגער אַביש איז שוין מער נישטאָ און וועט שוין קיינמאָל זיך ניט אומקערן. זי האָט אויך געפילט, אַז איר מאַן וועט שוין עפּעס טאָן וועגן ריוועלע׳ן און אַוורעמל׳ען און וועגן דער גנבה.

אַ באַרואיגטע, האָט פריידל אַ זיפץ געטאָן.

אַביש האָט זיך אויפגעהויבן אַ מידער פון בענקל און זיך געלאָזט גיין אין זייטיגן צימער צו אַוורעמל׳ען. פריידל איז אים נאָכגעגאַנגען מיט שטילע טריט. ער האָט געעפנט די טיר פון דעם זון׳ס צימער

און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. פריידל הינטער אים. פון צימער האָט אַ זעץ געטאָן אַ ריח פון הארבן בראָנפן. אויף דעם פיר־עקיגן טישל איז געשטאַנען כמעט אַן אויסגעליידיגטע ווייסע פלאַש בראָנפן, מיט אַ ליידיגער גלאָז. אוורעמל איז געזעסן לעבן טיש, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט. זיין לינקע האַנט האָט אַרומגענומען די ליידיגע גלאָז. ווען ער האָט דערזען זיין טאַטן, האָט ער זיך געפּרואווט אויפשטעלן, אָבער די פיס האָבן אים ניט געדינט און ער איז שיעור ניט אומגעפאַלן. אַביש איז אויף גיך אַריין אין צימער און האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם זון אין זיינע קרעפטיגע אָרעמס. אוורעמל האָט דערפילט, אַז עס איז אים פלוצים גוט גע־וואָרן. זיין קאָפּ, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן ווי מיט בליי, האָט אַ פאַל געטאָן אויף אַביש׳עס ברוסט אונטער דער ברייטער באָרד. ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד:

— טאַטע, טאַטע, העלף מיר! ריוועלע איז זייער קראַנק.

אַביש׳ן האָט אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו זיין איינציגן זון. ער האָט אַ גלעט געטאָן מיט זיין שווערער האַריגער האַנט זיין זונ׳ס געקרייזלטע קוטשמע האָר און האָט אַ זאָג געטאָן:

— זאָרג זיך ניט, מיין קינד, גאָט וועט העלפן.

צוויי גרויסע טרערן האָבן אַ בלישטשע געטאָן אין אַביש׳עס אויגן, האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט איבער זיין באָרד און געפאַלן אויף אַוורעמל׳ס געקרייזלטע האָר.

פריידל האָט ניט געגלויבט אירע אייגענע אויגן. דאָס ערשטע מאָל פון זינט זי האָט געקענט איר מאַן, האָט זי אים געזען וויינען. דערפון אַליין, און אויך פאַר גרויס צער וועגן איר זון, האָט זי זיך אויך צעוויינט. זי האָט געוואוסט, אַז זי וויינט מיט אַ געמישטן געוויין, פאַר גרויס אומגליק און אויך פאַר נחת. זי האָט געהאָלפן אַביש׳ן אַוועקלייגן אַוורעמל׳ען אין בעט און אַרונטערציען זיינע שיך.

ווען אַביש איז אַרויס פון זונ׳ס קליינעם צימער, האָט ער מיט ביידע הענט אויסגעגלעט די באָרד, אַ קוק געטאָן אין דרויסן דורך

אַ פּענצטער, זיך דורכשפּאַצירט עטלעכע מאָל מיט געאָסטענע טריט איבערן גרויסן עס־צימער און שטיל געזאָגט צו זיך אַליין:

— נאָר ניט געאײַלט זיך, אַביש. פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

ער האָט זיך געפילט באַרואיגט. ס׳איז אים געוואָרן גרינג אין אַלע גלידער און ער האָט דערשפּירט די אַמאָליגע גבורה אין זײַן גאַנצן קערפּער. שוין לאַנג, אַז ער האָט אַזוינס ניט געפילט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מיטאַמאָל יונגער געוואָרן. אויף זײַן ברוסט האָט ער נאָך אַלץ געפילט די וואַרעמקייט פון זײַן זון׳ס פּנים.

— אַוורעמעלע, מײַן קינד, דער טאַטע וועט העלפן, — האָט אַביש אַ מורמל געטאָן צו זיך אַליין.

— פריידל, — האָט ער אַ רוף געטאָן זײַן ווײַב, — האָסט עפּעס גוטס צום עסן?

פריידל האָט דערהערט דעם רוף דורך דער אָפענער טיר פון אַוורעמל׳ס צימער און האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן. זי האָט גע־וואוסט וואָס דאָס באַטײַט.

— באַלד, אַביש, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — באַלד גרייט איך צום טיש.

6.

אויף מאָרגן איז אַביש אויפגעשטאַנען פרי. ער איז גוט געשלאָפן, ווי שטענדיג ערב אַ וויכטיגער אונטערנעמונג. ער האָט איבער־געביסן מיט ברויט מיט הערינג און פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזער טיי. ער האָט געוואוסט, אַז אוורעמל איז ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. פריידל האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַוועק צו ריוועלע׳ן און אַז ער פילט זיך רואיגער.

אַביש האָט גאָרניט געזאָגט דערויף. ער האָט אָנגעטאָן דעם שבת׳דיגן גאַרניטער, האָט אויסגעקעמט די באָרד און זיך געלאָזט צו דער טיר, וואָס פירט אין דרויסן. שוין שטייענדיג ביי דער טיר, מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ווייב און געזאָגט:

— זאָלסט אויף מיר ניט וואַרטן מיטן אָנבייסן. עס קאָן זיין, אַז איך וועל זיך פאַרזאַמען.

פריידל האָט ניט געפרעגט וואוהין ער גייט און ווען ער וועט קומען אַהיים. זי האָט גוט געדענקט, נאָך פון יענע יאָרן, אַז אין אַזוינע צייטן רעדט מען ניט און מען פרעגט ניט קיין שאלות.

— גיי געזונט און קום געזונט, — האָט זי צוגעוואונטשן איר מאַן.

אַביש האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

ער האָט אויסגעמאָסטן אַלע הינטער־גאַסן פון שטעטל, שפּאַצירט געלאַסן און געמיטלעך, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. דאָ און דאָרט האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן באַקאַנטן, אים באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און האָט ווייטער שפּאַצירט. ער האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט פאַרפירן קיין שמועס. אַביש האָט געזוכט מאַטקע שפּיאָן. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט איינעם פון מאַטקע׳ס פריינט, האָט

ער אים געפרעגט צי ער ווייסט ניט וואו ער קאָן געפינען מאָטקע׳ן. אויב יענער האָט ניט געוואוסט, האָט אַביש אָפּגעשניטן דעם שמועס און איז געגאַנגען זיין וועג. די הינטער־געסלעך, וואו ער איז ניט געווען אַ לאַנגע צייט, האָבן אים אויסגעקוקט מאָדנע־היימיש און דאָך פרעמד. די הייזער האָבן אויסגעזען נידעריגער און די גאַסן שמעלער. אַלץ איז עפּעס ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. עס איז אים ענג געוואָרן אין די געסלעך. אַפילו דאָס גרויסע, ברייטע פּלאַץ, וואָס האָט פאַרמאָגט אָן אַ שיעור שמאָלע דורכגאַנגען, וועלכע האָבן געפירט פון אַלע זייטן צום פערד־מאַרק און צו אַלע מאַרק־גאַסן, האָט אים אויסגעדוכט, איז קלענער און שמעלער געוואָרן.

פון דערווייטנס האָט אַביש באַמערקט איינעם פון זיינע אַמאָליגע פריינט, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אויסגעבונדן מיט די אַלטע און ניי־אויפגעקומענע גנבים. ער האָט איינגעהאַלטן זיינע טריט.

ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן האָבן זיי זיך גוט־ברודעריש באַגריסט:

— זע נאָר, דער זעלבער לייזער, אָבער טאַקע דער זעלבער, אַפילו אויף אַ טאָג ניט עלטער, — האָט אַביש געזאָגט צו זיין אַמאָליגן פריינט מיט אָנגעשטעלטער וואַרעמקייט.

— און דו, אַביש, קוקסט אויס יונגער און שענער. אַפּנים, אַז מען ווערט פּטור פון דער זינדיגער פּרנסה, גייט מען טאַקע גלייך אין גן־עדן אַריין... זיך פאַרבענקט, אַביש?

לייזער האָט אַ גלעט געטאָן זיין רויט בערדל און געקוקט אַביש׳ן אין די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען פון זיי דעם אמת.

אַביש האָט אַ לאַך געטאָן:

— וואָס דען, עס בענקט זיך ניט? אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט מיט די גוטע ברידער. עס פאַרגעסט זיך ניט. עס גיט אַ ציִ, פאַר־שטייסט?

לייזער האָט זיך געפילט געשמייכלט פון אַביש׳עס רייד. יענער האָט עס באַמערקט, און האָט צוגעלייגט:

— מעגסט אַמאָל אַריינקומען צו מיר. ביזט דאָך אַן אַלטער

פריינט. פאַרשטייסט, לייזער, — האָט אַביש געצויגן זיינע ווערטער, — איך וואָלט דיך שוין איצט מיטגענומען מיט זיך אַהיים, נאָר איך בין פאַרנומען. כ׳האָב אַ שטיקל אַרבעט, וואָס טאָר ניט אָפּגעלייגט ווערן.

לייזער האָט פאַרדעכטיק אַרומגעטאַפּט אַביש׳ן מיט זיינע גרויע אויגן.

— וואָס־זשע, אַביש, ס׳האָט זיך דיר פאַרבענקט נאָך דעם אַלטן גרינגן ביסן מיט געבראָקטע צרות און געהאַקטע וואונדן?

אַביש האָט אַ שמייכל געטאָן און גוט־ברודעריש אים אַ שטופּ געטאָן מיט זיין עלנבויגן.

— צרות, — האָט ער געזאָגט, — זוך איך גראָדע נישט. צרות דאַרף מען ניט זוכן. זיי קומען אַליין אין הויז אַריין, און אַמאָל ברענגט מען זיי איינגעפּאַקט אין קאַסטנס. פאַרשטייסט, לייזער, צי מען דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל אַריין?

לייזער האָט אויפגעלעבט. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— ווען ברענגט מען די קאַסטנס, אַביש? עס איז עפּעס רעכטס?

— מעגסט זיין זיכער, לייזער, אַז אַביש פאַרגעסט ניט אַן אַלטן גוטן ברודער. אָבער איצט מוז איך זיך זען מיט בענטשיק׳ן. ווייסט אפשר, וואו ער איז פאַרשטעקט?

ביי לייזער׳ן האָט זיך צעברענט די פאַנטאַזיע. ער האָט גע־טראַכט פון די קאַסטנס און געוואָלט זיין זיכער, אַז ער וועט ניט פאַרטיילט ווערן.

— אַביש, — האָט ער געזאָגט, — בענטשיק קאָן איצט ניט אַרויסקריכן און מען קאָן צו אים ניט צוקומען. ער מוז ערגעץ זיין אין די אַלטע בלינדע לעכער. כאַפּ זיך אַריין צו שימקע׳ן, וועסט דאָרט טרעפן מאָטקע׳ן, וועסטו שוין מיט אים אויסלייגן די קאָרטן. און האָב מיך אין זינען, אַביש. איך בין דאָך דיינער אַן אַלטער גוטער ברודער, און נאָך אַלץ אַ ביטערער אָרעמאַן.

— זאָרג זיך ניט, לייזער, — האָט אים אַביש איבערגעשלאָגן די רייד, — עס וועט שוין זיין רעכט. אָבער האַלט ס'מויל.

אַביש האָט שוין מער ניט שפּאַצירט. ער האָט געוואוסט וואוהין ער גייט און איז מיט שנעלע טריט אַוועק צו שימקע'ן, מאָטקע'ס ברודער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען איינע אַליין, היבש אָפּגעזונדערט פון אַנדערע הייזער. ס'איז געווען דאָס איינציגע הויז אין געסל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אויסגע־פלאַסטערטן טראָטואַר און צוויי גרויסע ביימער לעבן די פאָדערשטע פענצטער. די וואַנט פון פאָרנט איז געווען ווייס געקאַלעכט, די פענצ־טער און טיר זיינען געווען רויט געפאַרבט מיט פרישער פאַרב. אַ לאַנגע, שמאָלע באַנק איז פּונקט ווי אַמאָל געשטאַנען אין שאָטן פון בוים אויף דער רעכטער זייט פון הויז. דאָס איז געווען שימקע'ס ווייך־שענק, וואו פאַרדעכטיגע פאַרשוינען פלעגן טרינקען און עסן. אַ באַלעבאָס פון שטעטל האָט אַהין קיינמאָל קיין פוס ניט אַריינ־געשטעלט.

אַביש האָט געעפנט די טיר און איז אַריין אין לאַנגן, שמאָלן קאָרידאָר. אויף איין זייט פון קאָרידאָר זיינען געווען עטלעכע טירן. אויף דער צווייטער זייט זיינען בלויז געווען צוויי טירן, וואָס האָבן געפירט צו דעם גרויסן זאַל, וואו בלויז וויכטיגע געסט האָבן פאַרבראַכט. אַביש האָט געעפנט איינע פון די טירן צום זאַל. אַ לאַנגער, ברייטער טיש, אַרומגעשטעלט מיט בענקלעך, איז געשטאַנען אינמיטן זאַל. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען קלענערע טישלעך. מאָטקע שפּיאָן מיט זיין ברודער שימקע זיינען געזעסן אויף דעם ברעג פון דעם גרויסן טיש און געשפּילט אין קאָרטן.

שימקע האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אויסגעשריען:

— אָווא, זע נאָר וואָס פאַר אַ גאַסט!

ער האָט אַרויסגערוקט איינס פון די בענקלעך און געבעטן אַביש'ן זיצן. אַביש האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ זאָג געטאָן געמיטלעך:

— כמעט אַלץ ווי געווען.

שימקע איז אַרויס פון זאַל און איז צוריקגעקומען זייער גיך. באַלד איז שימקע׳ס ווייב אַריין און האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גרויסע פלאַש רויטן ווײַן מיט גלעזלעך. זי איז אַרויס און באַלד צוריקגעקומען און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש געבראָטענע הינער, אָנגעשטאָפּטע העלזלעך, זויערע אוגערקעס און ברויט. אָפּגעטאָן איר אַרבעט, איז זי פאַרשוואונדן פון צימער.

מאָטקע איז געזעסן שטיל און אומבאַוועגלעך. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וועגן וואָס אַביש דער בער איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין ברודער שימקע׳ס ווײַן־שענק. האָט ער געוואַרט וואָס דאָ וועט געשען. ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך וועגן אַביש׳ן, ווען יענער איז געווען יונג, און האָט פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ, איבערהויפּט דער־פאַר, וואָס אַביש האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אורקע דעם מסור פאַר זײַן פרײַנט און שותף, זלמן.

שימקע האָט אָנגעגאָסן די גלעזער און געבעטן אַביש׳ן פאַרזוכן זײַן ווײַן.

— איר זייט נאָך אַ מבין אויף ווײַן? — האָט שימקע געפרעגט אַביש׳ן מיט אַ שמייכעלע.

אַביש האָט די גאַנצע צייט אַפילו נישט קיין קוק געטאָן אויף מאָטקע׳ן, כאָטש ער האָט געפילט, אַז יענער נעמט ניט אַרונטער די אויגן פון אים. ער האָט אַ זופּ געטאָן דעם ווײַן פון גלאָז, אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג און אַרויסגעזאָגט זײַן מבינות:

— אַ וואויל גלעזל ווײַן. שוין אַלט אַזוי אַ פינף־זעקס יאָר, האַ?

ער האָט פּאַמעלעך אַריינגעצויגן אין זיך דעם ווײַן פון גלאָז.

שימקע האָט גיך אָנגעפילט זײַן גלאָז אויף דאָס ניי און אַ זאָג געטאָן:

— אַביש, איר׳ט דאָך ניט פאַרשעמען מײַן ברײַנדעלס געבראָטענע הון.

אַביש איז געוואָרן ערנסט און געענטפערט:

— אַביש האָט קיינעם ניט פאַרשעמט אין זײַן לעבן. — ער האָט

אַ קוק געטאָן אויף מאָטקע׳ן מיט זיינע גרויסע אויגן און אַ פרעג געטאָן ביי שימקע׳ן:

— דאָס איז דיין קליין ברודערל?

— יאָ, — האָט שימקע געענטפערט און צוגעלייגט: — ביי זיך איז ער שוין אַ גרויסער.

אַביש האָט זיך גענומען צו דער געבראָטענער הון. ער איז גיך פאַרטיג געוואָרן מיט אַ היבשן ביסן און איז צוגעטראָטן צום ענין.

— ווילסט דאָך וויסן וואָס איך טו ביי דיר, שימקע, אין אַ פּראָסטן דינסטאָג?

שימקע האָט אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויערן, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַביש וועט רעדן וועגן ריוועלע׳ס אויסשטייער, און האָט געענטפערט:

— ווען דו זאָלסט ניט קומען, ביסטו ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

אַביש האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— כ׳האָב דיך געוואָלט בעטן צוליב אַלטער פריינטשאַפט, אַז דו זאָלסט לאָזן וויסן בענטשיק׳ן, אַז איך וויל אים זען.

שימקע האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט ניט דערוואַרט אַזאַ אָפענעם און דירעקטן זאָג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מאָטקע׳ן. ביי מאָטקע׳ן האָבן די אויגעלעך זיך נערוועז צעטאַנצט.

— פאַרשטייסט, — האָט אַביש ווייטער גערעדט, — איך בעט דיך זאָלסט דאָס טאָן מיר צוליב. כ׳וועל דיר אַמאָל אָפּדינען, זאָלסט עס ניט באַדאַרפן.

ער האָט אַרויסגענומען די הילצערנע טאַבאַטשניצע, פאַרוויקלט אַ גראָבן פּאַפּיראָס, פאַררויכערט, אַ צי געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן רויך. ער האָט געקוקט שימקע׳ן אין די אויגן. יענער האָט זיך פאַרלוירן פון אַביש׳עס שאַרפן בליק.

— אַביש, — האָט שימקע ווייך גערעדט, — בענטשיק איז ביי מיר ניט געווען שוין אַ לאַנגע צייט. איך ווייס ניט, צי ער איז אין שטאָט.

אַביש איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד אַריין:

— ווילסטו, הייסט עס, מיר ניט טאָן די טובה. איך רעכן, אַז ווען דו וואָלסט יאָ געוואָלט, וואָלסטו באַפוילן מאָטקע׳ן, ווען ער טראָגט צו בענטשיק׳ן די געבראָטענע הינער, ער זאָל אים איבער־געבן, אַז כ׳וויל אים זען.

שימקע און מאָטקע זיינען געבליבן זיצן ווי געפּלעפטע. פאַר שימקע׳ן איז דער שמועס געוואָרן צו־הייס. מאָטקע האָט זיך אַריינ־געמישט:

— ווער האָט עס אייך דערציילט?

— אַ פייגעלע, — האָט אַביש קורץ און שאַרף אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל.

— איז פאַרוואָס פרעגט איר ניט אייער פייגעלע וואו בענטשיק איז? — האָט מאָטקע געפרעגט מיט גרויס צופרידנקייט פון זיין קלוגן פאַרמעסט מיט אַביש׳ן.

— אָ, ביזטו דאָך טאַקע אַ קלוגער יונג, — האָט אַביש אַ זאָג געטאָן און זיך אויסגעדרייט צו מאָטקע׳ן. — וועל איך דיר טאַקע אויסזאָגן דעם סוד, אַז מיין פייגעלע האַלט זיך אויף אונטער דער סטריכע פון דעם שטרויענעם דאַך פון דער גויאישער כאַטע, וואו בענטשיק, דער גרויסער קנאַקער, פאַרדעקט זיך פון דער היץ.

— אָ, וואָס פאַר אַ קלוג פייגעלע, — האָט מאָטקע, אַ בלאַסער, אַרויסגערעדט.

— איז אַט־וואָס, — האָט אַביש גערעדט צו מאָטקע׳ן, קוקנדיק גלייך אין זיינע אויגעלעך, — איז זאָג, אַז אַביש וויל אים זען. ביי מיר אין הויז וויל איך אים זען. ביי מיר אין הויז וועט אים קיין שלעכטס ניט געשען. איך מיין זיין טובה און אַז דו ווילסט, מאָטקע, — האָט אַביש געצויגן די לעצטע ווערטער, אַרומנעמענדיג בשעת־מעשה זיין ברייטע, געדיכטע באָרד, — רעכן איך, אַז עס וועט זיין דיין טובה אויך. רעד איך קלאָרע דיבורים? — האָט ער אַ פרעג געטאָן שימקע׳ן, וואָס איז געזעסן צעטומלט און צעשראָקן.

ניט ער און ניט מאַטקע האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען אַביש ווייסט וועגן בענטשיק'ס באַהעלטעניש.

— אַבער ר' אַביש, — האָט שימקע זיך אָנגענומען מיט כח, — וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיין מאַטיע'ן, כ'בעט אייך?

אַביש האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. זיין גרויסער, שווערער קערפּער האָט זיך געטרייסלט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, אַריינגעלייגט זיין טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, צוריק אין קעשענע, האָט אַ גרינגן פּאַטש געטאָן איבער דער קעשענע און געזאָגט:

— נו, אַ דאַנק דיר, שימקע, פאַר דיין ווין, פאַר דיין געשמאַקן געבראַטנס. און דו, מאַטקע, זאָג בענטשיק'ן, אַז כ'וועל האַלטן אָנגעגרייט פאַר אים גוטן ווין און גוטע געבראָטענע הינער און קאַטשקעס און כ'וועל זיך ריכטן אויף אים מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען ער וויל. אַז דו ווילסט, מעגסטו אויך קומען. מיט אַביש'ן איז בעסער צו טרינקען ווין, ווי זיך צו קריגן מיט אים. וואָס זאָגסטו, שימקע? דו קענסט אַביש'ן בעסער, ווי דאָס יונגוואַרג. האָט מיר אַ גוטן.

ער איז אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט אַהיים מיט גיכע טריט. איצט איז אים באַפאַלן אַ ווילדער צאָרן אויף בענטשיק'ן, אויף מאַטקע'ן און אויף שימקע'ן. ער האָט געקריצט מיט זיינע שטאַרקע ציין. „אַזאַ פלוי, דער מאַטקע", האָט ער גערעדט צו זיך. „ער פירט דאָס די מלוכה." ער האָט צונויפגעדריקט זיינע שטאָלענע פויסטן, זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט צוריק גיין צו שימקע'ן. „איך האָב באַלד באַדאַרפט צעקוועטשן די פלוי", האָט ער געזאָגט צו זיך און האָט זיך געלאָזט גיין — אַהיים. ער איז געווען זיכער, אַז מאַטקע וועט דערציילן בענטשיק'ן וועגן דעם שמועס. וועט מען זען, וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון דעם. ס'איז נאָך דאָ צייט. נאָר ניט געאיילט זיך...

7.

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, איז מאָטקע אַוועק צו בענטשיק'ן און שייקע'ן און זיי דערציילט, אַז אין שטעטל איז שוין געוואָרן שטילער, נאָר אים געפעלט ניט אַביש דעם בער'ס אַריינמישן זיך. מיט אַלע איינצלהייטן האָט ער זיי דערציילט וועגן זיין שמועס מיט אַביש'ן. ער האָט מיט איבערטריבענער באַגייסטערונג גערעדט וועגן דעם אַלטן אַביש, וועגן זיין ריזיקער גבורה, וועגן זיין קלוגשאַפט און וועגן זיין געלאַסנקייט. — שוין איינמאָל אַ שפּיל־פויגל, — האָט ער געזאָגט מיט באַוואונדערונג.

בענטשיק האָט זיך צעלאַכט:

— עס אַרבעט זיך אויס נאָך בעסער, ווי איך האָב גערעכנט.

מאָטקע האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע אויגעלעך.

— איך האָב סיי ווי אָפּגעמאַכט ביי זיך, — האָט אים בענטשיק געגעבן צו פאַרשטיין, — זיך צו זען מיט אַביש'ן און מיט אַורעמל'עך, אַזוי גיך ווי עס וועט ווערן שטיל אין שטעטל, און זיי ביידן לאָזן וויסן, אַז צו בענטשיק'ן אין גאָרטן קריכט מען ניט. איצט איז נאָך בעסער. אַביש אַליין האָט מיך פאַרבעטן צו זיך.

מאָטקע'ן איז דער פּלאַן ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט אָפן אַרויסגעוויזן זיין מורא פאַר אַביש דעם בער און געזאָגט בענטשיק'ן, אַז יענער קריכט אין פייער אַריין.

— וואָלט דען ניט געווען בעסער מען זאָל אָפּוואַרטן אַורעמל'ען, ווען ער גייט פון דער אַרבעט, און אים דערציילן די מעשה? — האָט מאָטקע אַן עצה געגעבן. — דער אַלטער אַביש איז אַ ביטערער יונג, אַן אמת'ער בער.

בענטשיק האָט אַ שמייכל געטאָן און שייקע אָקס האָט זיך צע־לאַכט אויפן קול.

מאָטקע טעלעגראַף, דער שפּיאָן פֿון דער באַנדע, און שיקע אָקס פּלאַנעווען אַ שטיקל אַרבעט.

— מאַטקע האָט מורא פֿאַר אַן אַלטן בער, — האָט שייקע זיך גערייצט. — איך וועל דיר ברענגען זיין פֿעל, וועסטו זיך אויפֿנייען אַ פּעלץ.

— געדענק, שייקע, אַז בערן האָבן ליב אָקסן־פֿלייש, — האָט מאַטקע אָפּגעענטפֿערט.

בענטשיק האָט זיך אַריינגעמישט:

— מאַטקע, דו שלאָף דאָ היינט ביינאַכט. מאָרגן וועלן מיר פֿאַרזוכן אַביש'עס ווייַן. אויב ער וועט דווקא באַשטיין אויף בייזן, וועלן מיר פֿאַרבייסן מיט בערן־פֿלייש.

שייקע'ן איז געפֿעלן בענטשיק'ס וויץ. מאַטקע האָט געשוויגן. ער האָט ניט געוואָגט צו ווידערשפּעניגן בענטשיק'ן, ער איז אָבער געווען זיכער, אַז דער פּלאַן טויג ניט און האָט אַ פֿרעג געטאָן בענטשיק'ן:

— וואָלט ניט געווען גלייכער אָפּצולייגן דעם וויזיט צו אַביש'ן אויף שפּעטער?

— ניין, — האָט בענטשיק געענטפֿערט. — איך וויל ניט, אַז אַביש זאָל מיינען, אַז איך האָב מורא פֿאַר אים. און ס'איז גלייכער וואָס גיכער אָפּשלאָגן ביי אַביש'ן דעם חשק זיך ווייטער צו מישן אין פֿרעמדע געשעפֿטן. אויב מען זאָל וואַרטן צו־לאַנג, קען נאָך אַביש אפֿשר באַגיין אַ נאַרישקייט.

מאַטקע האָט איינגעזען, אַז בענטשיק איז גערעכט, נאָר ער האָט געפֿילט, אַז עס טויג נאָך אַלץ ניט דער פּלאַן צו גיין צו אַביש'ן. אָבער ווען בענטשיק האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט זיין אַ קורצער און שטילער וויזיט, איז מאַטקע אויך איינגעגאַנגען אויף דעם פּלאַן.

ווען אַביש איז אַהיים געקומען האָט די זון זיך שוין אָנגעהויבן זעצן. פֿריידל האָט געוואַרט אויף אים מיט שטילער אומרואיגקייט. אַורעמל איז געווען ביי ריוועלע'ן.

— שטעל דעם סאַמאָוואַר, — האָט ער באַפֿוילן און זיך גענומען וואַשן די הענט.

ביים טרינקען טיי האָט ער געהייסן פריידל׳ען אָנגרייטן גע־בראָטענע הינער, קאָטשקעס און ווייז.

— עס קאָן זיין, אַז עס וועלן מאָרגן קומען געסט.

פריידל האָט אים ניט געפרעגט ווער און וואָס. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז איר אָביש האָט שוין עפּעס אויפגעטאָן. אַ גאַנצן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געווען פאַרנומען מיט דעם אָנגרייטן פאַר די געסט. פאַרטאָג איז זי אויפגעשטאַנען פאַרטיג צו מאַכן דאָס געבראָטנס. זי האָט זיך געפלייסט, אַז עס זאָל אויסזען שיין און עס זאָל זיין געשמאַק. די לעבערלעך מיט די פּופּקעס און אָנ־געשטאָפּטע העלזלעך האָט זי אויסגעלייגט אויף באַזונדערע טעלער, די הינער און די קאָטשקעס אויך באַזונדער. זי האָט אָנגעשניטן ברויט, צוגעגרייט אַ גרויסן טאָפּ מיט זויערע אוגערקעס און פלעשער מיט רויטן ווייז. אַלץ איז געווען אויסגעשטעלט אויפן טיש אין קיך, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן ריינעם טישטוך. אין הויז האָט געשמעקט דאָס געבראָטנס מיט קנאָבל און פעפער.

אָביש איז געזעסן אין דער היים און געררויכערט אייגענע גע־וויקלטע גראָבע פּאַפּיראָסן. אָוורעמל איז געווען ביי דער אַרבעט. דער פרימאָרגן איז אַוועק. קיינער איז ניט געקומען. פריידל איז געוואָרן אַ ביסל אומרואיג. דער נאָכמיטאָג איז אַוועק. קיינער איז ניט געקומען. אָביש איז געזעסן און האָט געררויכערט. פריידל האָט זיך ניט געפונען קיין פלאַץ. זי האָט עטלעכע מאָל געפּרואווט זיך צולייגן, אָבער ווי נאָר זי האָט איינגעדרעמלט, האָט זי זיך באַלד אויפגעכאַפּט. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז מען גייט. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן גרויסן וועק־זייגער. אָביש האָט גע־שוויגן און זי האָט אים גאָרניט געפרעגט. זי איז געווען געוואוינט צו דעם.

עס איז געוואָרן פינצטערלעך אין דרויסן. דער אָוונט האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר. בענטשיק, מאָטקע און שייקע האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין הויז אַריין. פריידל איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע. עס האָט איר אויסגעפעלט אָטעם. זי

האַט אויף אַ רגע פאַרגעסן ווער בענטשיק איז אויף אַן אמת׳ן. פאַר אירע אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן די פּנימער פון שרה און פון זלמן דעם שוואַרצן, בענטשיק׳ס טאַטע־מאַמע, אירע גוטע פריינט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט צוגעזאָגט שרה׳ן אויפן טויטן־בעט, אַז זי וועט נעמען בענטשיק׳ן צו זיך און וועט זיין גוט צו אים, ווי אַן אייגענע מאַמע. פריידל׳ען האָט זיך געוואָלט אַרומנעמען דעם גרויסן, שטאַרקן בענטשיק און אים צודריקן צו איר צעוויטיקט האַרץ. טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן.

— פריידל, וואָס שטייסטו ?

אַביש׳עס שטימע האָט זי צוריקגעבראַכט צו דער האַרטער וואָר. די געסט האָבן זיך געזעצט אַרום טיש. אַביש האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן בענטשיק׳ן. פריידל האָט דערלאַנגט צום טיש. זי איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט. זי האָט געהערט ווי די מענער האָבן גערעדט, אָבער זי האָט ניט באַנומען די ווערטער. ווען אַלץ איז שוין גע־שטאַנען אויפן טיש, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַן אַ זייט און איינ־געגראָבן די אויגן אין בענטשיק׳ס פּנים. זי האָט ביי זיך ניט געקאָנט אָפּמאַכן צי ער זעט אויס ווי זיין מאַמע אָדער ניט. יאָ, דעם געשטעל, די גבורה און די שוואַרצע האָר און אויגן האָט ער גע׳ירשנ׳ט פון זיין טאַטן, זלמן דעם שוואַרצן. אָבער זיין שיין פּנים האָט איר דער־מאָנט אָן שרה׳ן. נאָר עפּעס אַ מאָדנע האַרטקייט און פאַרביסנקייט אַרום זיין מויל האָט פאַרביטן זיין מאַמע׳ס גוטסקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער גנבה און עס איז איר ניט אָנגעגאַנגען דער שמועס, וואָס די מענער האָבן שטיל געפירט צווישן זיך. זלמן, שרה און בענטשיק האָבן זיך ביי איר אין מוח צונויפגעגאָסן און עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זלמן און שרה זיצן ביים טיש און בענטשיק זיצט אינמיטן, צווישן זיי. אַ זיסע פרייד האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי האָט געשמייכלט פון גרויס נחת.

ס׳האָט זיך געעפנט די טיר. אַוורעמל איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ פאַרשטיינערטער און האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגן

אויף די געסט. פריידל איז אויפגעשפרונגען פון בענקל. זי האָט אויף גיך באַנומען וואָס דאָ איז געשען.

— האַ, אַוורעמל, — האָט בענטשיק אויסגערופן מיט כלומרשטער פריינטשאַפט, — נו, וואָס ביזטו שטיין געבליבן ביי דער טיר? זעץ זיך אַוועק ביים טיש. שעמסט זיך נאָך אַלץ פאַר מענטשן? ביזט דאָך שוין אַ גרויסער בחור.

אַוורעמל איז מיט געמאָסטענע טריט צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין טאַטן. בענטשיק האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין און אַ זאָג געטאָן:

— קאָנסט שוין טרינקען אַ גלאָז וויין, צי דו קייסט נאָך ראָזשינקעס?

שייקע אָקס האָט זיך צעלאַכט. מאָטקע שפּיאָן האָט ניט אַרונטער־גענומען די אויגן פון אַוורעמל'ען. איצט האָט ער פאַרשטאַנען פאַר־וואָס ריוועלע ווערט די כפרה פאַר אַוורעמל'ען און אַנטלויפט פון בענטשיק'ן.

— אַ נו, ווייז נאָר ווי דו טרינקסט אויס אַ גלאָז וויין, — האָט בענטשיק זיך ווייטער געריצט מיט אַוורעמל'ען.

אַביש האָט געשוויגן. אַוורעמל האָט גענומען אַ גלאָז וויין אין האַנט, האָט זי געלאָסן אויפגעהויבן אין דער לופטן, האָט געזאָגט „לחיים" און אַריינגעזופּט דעם וויין ווי וואַסער.

— אַזוי, ביזטו דאָך טאַקע שוין אַ גרויסער בחור! טרינק־זשע נאָך איינס, — האָט בענטשיק געזאָגט און אָנגעפילט אַוורעמל'ס אויס־געליידיגטע גלאָז.

אַוורעמל האָט ווידער אויסגעליידיגט די גלאָז און אַ פרעג געטאָן בענטשיק'ן:

— האָסט געבראַכט ריוועלע'ס זאַכן?

בענטשיק און שייקע האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול.

— וואָס־זשע, — האָט זיך בענטשיק געריצט, — ביזט ריוועלע'ס אַדוואָקאַט?

— איך בין ריוועלע'ס חתן, — האָט יענער געענטפערט שטייף

און רואיג. — ריוועלע איז קראַנק פאַר עגמת־נפש. איך וויל זאָלסט מיר אָפּגעבן ריוועלע׳ס אויסשטייער.

שייקע אָקס האָט ווידער אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. זיין רויט פּנים איז געוואָרן נאָך רויטער.

— אַזוי גאָר, — האָט בענטשיק געזאָגט אויך מיט אַ רואיגן טאָן, נאָר פּייערלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן און זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס, — דו ווילסט, הייסט עס, ריוועלע׳ס זאַכן. און טאָמער ניט ?

אַביש האָט געשמייכלט און געטראַכט ביי זיך : „איין גאָט זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אויב ער הייבט אַ האַנט אויף אַוורעמל׳ען.״ מאָטקע האָט געזען אַביש׳עס שמייכל און עס האָט אים אָנגעהויבן טריקענען אין מויל. זיינע אויגעלעך האָבן אַרומגעטאַנצט פון אַביש׳ן צו בענטשיק׳ן און פון בענטשיק׳ן צו אַוורעמל׳ען. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעם וויזיט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי. צום ערשטן מאָל, אַז אים האָט אויסגעפעלט עפּעס אַן איינפאַל. ער האָט דערפילט אַ כעס אויף בענטשיק׳ן, וואָס האָט זיי פאַרפירט צו אַביש׳ן, און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָפּטראָגן זיך און ראַטעווען די אייגענע פעל.

— איז וואָס זאָגסטו, אַוורעמל, — האָט בענטשיק ווידער גע־פרעגט, — וואָס וועסטו טאָן, אויב איך וועל דיר ניט געבן ריוועלע׳ס זאַכן ?

אַוורעמל איז בלייך געוואָרן. פריידל האָט דאָס דערזען און האָט פאַרביסן די ליפּן. אַוורעמל האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז וויין און זי אויסגעטרונקען מיטאַמאָל. דערנאָך האָט ער רואיג אָפּגעווישט די ליפּן. אַלע האָבן געשוויגן. און איצט האָט ער געענטפערט אויף בענטשיק׳ס פראַגע, געענטפערט שטיל און איינגעהאַלטן :

— אויב דו ווילסט בלייבן לעבן, זאָלסטו מיר אָפּגעבן ריוועלע׳ס זאַכן.

בענטשיק האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילן, אויסגעצויגענעם פייף. שייקע אָקס, וואָס האָט ניט אויפגעהערט שטאָפּן אין זיך די

געשמאַקע געבראָטענע הינער און זשליאָקען דעם ווײַן, האָט זיך אַרײַנגעמישט און געזאָגט מיט אַ נאַריש געלעכטערל:

— מיר דוכט, בענטשיק, אַז מ׳וועט מוזן אַריבערלייגן אַוורעמל׳ען איבער דער קני און אים גוט אָנשמייסן, וועט ער וויסן, אַז מען דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר עלטערע מענטשן.

אַביש האָט פאַרפלאָכטן זײַנע אָרעמס אויף דער ברוסט, געקוקט אויף שייקע אָקס און רואיג געשמייכלט. ער האָט געטראַכט: „אויב ער רירט אָן אַוורעמל׳ען מיט אַ פינגער, זאָל איין גאָט אויף אים רחמנות האָבן.“ ער האָט געוואַרט אויף אַ גוטן תירוץ, וואָס זאָל אים לאָזן מיט אַ ריינעם געוויסן. ער האָט געוואָלט, אַז עמיצער פון די גנבים זאָל הייבן אַ האַנט. מאַטקע האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַביש׳ן. זײַן רואיגקייט און זײַן שמייכל האָבן אים געשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן אויף אַן אמת מורא האָבן פאַר דעם אַלטן ריז.

— בענטשיק, — האָט אַביש פּלוצים אָנגעהויבן, — איך בין דײַן פריינט. איך בין געווען דײַן טאַטנס בעסטער פריינט.

ער האָט פאַרדרייט אַ גראָבן פּאַפּיראָס, פאַררויכערט, אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ וואָלקן מיט רויך.

— איך מיט דײַן טאַטן זײַנען געווען ווי ברידער, און מײַן פריידל מיט דײַן מאַמען זײַנען געווען ווי שוועסטער. אַלעמאָל, ווען עס איז געווען הייס, האָב איך גענומען אויף זיך די שולד און בין פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה צו ראַטעווען דײַן טאַטן. ווען אורקע מסור האָט פאַרשיקט דײַן טאַטן, האָב איך זיך אָנגענומען זײַן קריוודע און בין ווידער פאַרפאַקט געוואָרן. פאַר דײַן טאַטן בין איך געקראָכן אין פייער. ווײַב און קינד האָב איך ניט געדינט אַזוי געטריי, ווי דײַן טאַטן. איך האָב אים געראַטעוועט פון טויט מער ווי איין מאָל. דאָס לעצטע מאָל, ווען דער אומגליק איז געשען, וואָלט איך אים אויך געווען געראַטעוועט. איך האָב אונטערגעשטעלט מײַן אייגענעם קאָפּ און געשריען מיט אַלע כחות: „זלמן, אַנטלויף, ראַטעווע זיך!“ הלוואי וואָלט ער מיך געפאָלגט. נאָר פאַרפאַלן. ס׳איז אַזוי געווען באַשערט. נו, דערנאָך ווייסטו דאָך, בענטשיק. איך האָב דיך גענומען

צו זיך. ביזט ביי מיר געווען גלייך ווי מיין קינד. ביזט אָבער אַנטלאָפן אין דער ווייטער וועלט. כ׳האָב געזוכט און געבענטשט, כ׳האָב דיך געוואָלט צוריק. עס האָט מיר ווי געטאָן ווי פאַר מיין אייגן בלוט און פלייש. און איצט בעט איך דיך אַ טובה. פאַרשטייסט, בענטשיק? איך, אַביש, דיין טאַטנס פריינט, בעט זיך ביי דיר, פאַר־שעם מיך ניט. איך האָב עס ניט פאַרדינט ביי דיר.

אַביש האָט געענדיגט. עס איז געווען שטיל אין הויז. בענטשיק האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איז, וואָס זאָגסטו, בענטשיק? — האָט אַביש שטיל געפרעגט.

בענטשיק האָט פאַררויכערט. זיך אויסגעדרייט מיטן בענקל צו אַביש׳ן און געזאָגט:

— אייך איז גרינג צו רעדן. אַ נו, גיט נאָר אַ טראַכט: איך האָב ניט קיין טאַטן, קיין מאַמען, קיין שוועסטער, קיין ברידער; ווי אַ הונט בין איך אויפגעוואַקסן, זיך געוואַלגערט אין די תפיסות. איז וואָס, אַביש, בין איך טאַקע אַ הונט? מיר קומט גאָרניט אויף דער וועלט, האַ? אוורעמל׳ען קומט אַלץ און מיר גאָרניט?

פריידל האָט זיך געווישט די אויגן.

— אָבער בענטשיק, — האָט אַביש געזאָגט, — זי וויל דיך ניט, זי וויל אַוורעמל׳ען; איז מיט געוואַלד, איך פרעג דיך, וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם? נו, און אַז דו וועסט ניט אָפּגעבן די זאַכן, וועסטו מיט דעם בעסער מאַכן? אַז זי וויל דיך פאָרט ניט.

— ווער זאָגט, אַז זי וויל מיך ניט? — האָט זיך בענטשיק אָנ־געצונדן. — איך ווייס בעסער. נאָר אַוורעמל האָט זיך אַריינגעמישט. זאָג איך אייך, אַז ער שפּילט זיך מיט פייער.

— ווייסטו וואָס? — האָט אַביש פאָרגעשלאָגן. — גיב איר צוריק די זאַכן און זאָל מען זי פרעגן; ווי אַזוי זי וועט זאָגן, אַזוי וועט בלייבן.

— וואָס טויגן די אַלע קונצן? מאַכט זיך ניט נאַריש, אַביש. זאָגט בעסער אייער אַוורעמל׳ען, אַז ער זאָל אַוועקשטיין פון ריוועלע׳ן. בעסער מיט גוטן.

בענטשיק האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל. אורעמל האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר, אַ רוק געגעבן דעם אייזערנעם, ברייטן ריגל און איז׳ געבליבן שטיין מיט פאַרלייגטע הענט.

— וועגן ריוועלע׳ן, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר זען שפּעטער. איצט וויל איך די זאַכן.

בענטשיק האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין בענקל און אַ קוק געגעבן אויף שייקע אָקס. שייקע האָט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

אַביש האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט געקוקט און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. פריידל האָט איינגעביסן דעם פאַרטוך, זי זאָל ניט אויסשרייען. זי האָט אויף גיך אַ קוק געטאָן אויף אַביש׳ן. זי האָט געזען, אַז אַביש׳עס אויגן זיינען אָנגעשטעלט אויף שייקע׳ן. זי האָט באַמערקט זיין שמייכל און זיך אַ ביסל באַרואיגט. געוואוסט האָט זי, אַז ווען אַביש איז דאָ, וועט אורעמל׳ען קיין בייז ניט געשען. זי האָט אויך געוואוסט, אַז זי טאָר זיך ניט אַריינמישן און טאָר קיין פּיפּס ניט טאָן.

— גיי אַוועק פון דער טיר! — האָט שייקע באַפוילן אורעמל׳ען און אַ הייב געטאָן זיין האַנט. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט אורעמל אים אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין פּנים. עס האָט אַ הילך געטאָן אין הויז. שייקע האָט אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און זיך באַגאָסן מיט בלוט. פריידל האָט אַ שטילן געשריי געטאָן. מאָטקע האָט זיך גערוקט מיט דעם בענקל אין ווינקל. בענטשיק האָט זיך אויפגעהויבן. אַביש איז אויסגעוואַקסן אַנטקעגן אים. עס האָט אויס־געזען, ווי אַביש איז פּלוצים העכער געוואָרן מיט אַ קאָפּ.

— זעץ זיך אַוועק! — האָט אַביש באַפוילן בענטשיק׳ן. יענער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַביש׳ן און זיך דערשראָקן פאַר דעם ריז מיט די ברענענדיקע אויגן און ווילדער באָרד. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט. פריידל איז אַריין אין קיך, איז באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט אַ שיסל וואַסער און אַ האַנטוך און גענומען וואַשן שייקע׳ס פאַר־בלוטיקט פּנים. שייקע האָט געקרעכצט, ווען ער האָט דערפילט דאָס

„גיי אַוועק פון דער טיר!" — האָט שייקע אָקס באַפוילן אַווּרעמליען
און אויפגעהויבן די האַנט.

קאַלטע וואַסער. זיין פּנים איז געוואָרן געשוואָלן. אַביש האָט מיט איין האַנט אַוועקגעשלעפּט דעם האַלב־באַוואוסטלאָזן שייקע פון מיטן שטוב און אים אַוועקגעלייגט אין דעם ווינקל, וואו מאָטקע איז געזעסן.

פּלוצים איז בענטשיק אויפגעשפּרונגען. אין זיין האַנט האָט געפינקלט אַ לאַנג מעסער. ער האָט גיך אַ זאָג געטאָן:

— אוורעמל, רוק זיך אָפּ פון דער טיר.

אַביש איז אויף אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך גיך באַהערשט. ער האָט געוואוסט, אַז בענטשיק איז פלינק מיטן מעסער, פּונקט ווי מיט זיינע פויסטן; אַז די באַנדע ציטערט פאַר בענטשיק׳ס פויסטן, אָבער נאָך מער פאַר זיין מעסער. ער האָט זיך מיט געמאָסטענע טריט געלאָזט אויף בענטשיק׳ן, אָבער בענטשיק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַוורעמל׳ען און געצילט זיין מעסער אין אַוורעמל׳ס פּנים. אַוורעמל האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן. בענ־טשיק׳ס מעסער האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין אַוורעמל׳ס אָרעם. אַוורעמל איז אויפגעשפּרונגען, האָט אָפּגעשטופּט זיין פאָטער אָן אַ זייט און מיטן פוס אַ זעץ געטאָן בענטשיק׳ן אין בויך אַריין. בענטשיק האָט אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. דער מעסער איז אַרויס פון זיין האַנט. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, זיך פאַרמאָסטן מיט זיין פויסט אויף אַוורעמל׳ען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַוורעמל׳ס פויסטן האָבן געהאַמערט איבער בענטשיק׳ס קאָפּ.

דאָס האָט פּאַסירט אין איין קורצער מינוט. אַביש האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צוגעקוקט וואָס דאָ איז געשען און האָט מיט אַ געניט אויג אָפּגעשאַצט די פלינקע און קרעפטיקע אַרבעט פון זיין זון. ער האָט געזען, אַז זיין בן־יחיד נויטיגט זיך ניט אין זיין הילף. מיט זיין פּלייצע האָט ער צוגעדריקט פריידל׳ען צו דער וואַנט און זי אינגאַנצן פאַרשטעלט. בעת ער האָט געהיט שייקע׳ן מיט מאָטקע׳ן, האָט ער שאַרף נאָכגעקוקט אַוורעמל׳ען און בענטשיק׳ן. אונטער דעם האָגל פון קלעפּ האָבן בענטשיק׳ס פיס זיך געצומען בויגן. ער איז געפאַלן צו דער ערד. אַוורעמל האָט אים אויפגעהויבן, אים צוגע־שפּאַרט צו דער וואַנט און נאָכאַנאַנד געהאַמערט. ער האָט ניט גע־

פילט דעם וויטאָג פון דעם שניט, ניט געוואוסט, אַז בלוט רינט אים פון אָרעם. ער האָט גאָרניט געפילט און ניט געוואוסט, אַז זיינע קלעפּ צעברעכן בענטשיק׳ס ביינער. בענטשיק האָט מער ניט גע־קענט אויסהאַלטן און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— געוואַלד, ראַטעוועט, ער דער׳הרג׳עט מיך!

שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן. מען האָט באַלאַגערט די פענצטער, וואָס זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט פאַרהענגלעך. מען האָט געקלאַפּט אין טיר. פריידל האָט זיך געריסן מיט איר גאַנצן כוח צו באַפרייען זיך פון אַביש׳ן, וואָס האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן צוגעדריקט צו דער וואַנט. זי האָט אָנגעהויבן שרייען, און אירע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט בענטשיק׳ס גוואַלדן. מאַטקע איז געזעסן פאַר־רוקט אין ווינקל און געציטערט. שייקע האָט פּרובירט זיך אויפזעצן און איז ווידער צוגעפאַלן צו דער ערד.

ענדלעך האָט אַביש אָפּגעלאָזט פריידל׳עך און אָפּגעריסן אָוור־רעמל׳ען פון בענטשיק׳ן. בענטשיק איז ווי אַ סנאָפּ שטרוי געפאַלן צו דער ערד. ער האָט זיך מיט גרויס מי אויפגעזעצט און זיך אָנ־געשפּאַרט אין דער וואַנט. ער האָט אויפגעהערט שרייען, האָט געקרעכצט און געוויינט און איז אינגאַנצן געווען איינגעטונקען אין בלוט.

פריידל איז צוגעלאָפן צו אָוורעמל׳ען, אָבער ער האָט זי אָפּ־געשטופּט פון זיך און זיך צוגערוקט נעענטער צו בענטשיק׳ן. אַביש האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג מיט זיין גרויסער, שווערער האַנט.

— גענוג, זון. וועסט אים נאָך דער׳הרג׳ענען.

אָוורעמל האָט געזאָגט הויך אויפן קול:

— איך וויל ריוועלע׳ס זאַכן, אַז ניט וועל איך אים דער׳הרגע׳נען. וואו זיינען ריוועלע׳ס זאַכן? — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו בענטשיק׳ן.

— א׳ד ווייס ניט, — האָט בענטשיק געוויינט.

אָוורעמל האָט אַ[illegible]ופּט זיין פאַטער און ווידער אויפגעהויבן

בענטשיק׳ן פון דער ערד, אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און ווידער גענומען זעצן מיט די פויסטן.

מאָטקע איז געווען זיכער, אַז בענטשיק וועט ניט אַרויס קיין לעבעדיגער פון אַורעמל׳ס הענט. ער האָט שוין געזען בלוטיגע גע־שלעגן, און ניט איינמאָל האָט ער געקוקט אַ פאַרגאַפטער ווי שייקע אָקס אַרבעט מיט די פויסטן. נאָך מער אָפשיי האָט ער געהאַט פאַר בענטשיק׳ס אייזערנע קולאַקעס. פון בענטשיק׳ס אַ קלאַפּ איז מען געפאַלן חלשות. אָבער אַזאַ גבורה און אַזאַ פלינקייט ווי אַוורעמל האָט באַוויזן אין די עטלעכע מינוט, האָט מאָטקע נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער האָט גיך באַשלאָסן, אַז מיט אַביש׳ן און זיין זון קאָן אַפילו די גאַנצע באַנדע זיך ניט פאַרמעסטן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז נאָך דעם וואָס עס האָט היינט פּאַסירט, וועלן זיי מער ניט קאָנען אָנהאַלטן זייער מאַכט איבער דער באַנדע. האָט ער דעריבער אויס־געשריען:

— לאָז אים אָפּ, אַורעמל, וועל איך דיר זאָגן וואו די זאַכן זיינען.

אַורעמל האָט אָפּגעלאָזט בענטשיק׳ן, און יענג איז געפאַלן צו דער ערד. מאָטקע איז צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— בענטשיק, זאָג זיי וואו די זאַכן זיינען.

בענטשיק האָט געוויינט.

מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין טיר. בערקע זאַווע־רוכע׳ס שטימע האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער פאַרמאַכטער טיר. אַביש האָט געעפנט. בערקע, כאַנע און זיידל זיינען אַריין אין שטוב. אַביש האָט צוריק פאַרריגלט די טיר. בערקע האָט אויף זיין ליאַרעמ־דיגן קול געפרעגט: „ער איז דאָ, דער גנב?״, אָבער ווען ער האָט דערזען וואָס עס טוט זיך אין הויז, איז ער געבליבן שטיל.

— זאָג זיי וואו די זאַכן זיינען, — האָט מאָטקע זיך געבעטן ביים צע׳ממית׳טן בענטשיק׳ן, כאָטש ער האָט זייער גוט געוואוסט וואו די קאַסטנס זיינען געלעגן באַהאַלטן. נאָר אַזוי ווייט גייך, ווי נעמען אויף זיך צו זאָגן וואו די זאַכן זיינען, האָט מאָטקע ניט געזאָגט.

אַביש מיט אַורעמל׳ען זיינען גע[illegible]ן לעבן בענטשיק׳ן.

אַורעמל האָט דערפּילט אַ ווייטאָג אין אָרעם און האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז פון דעם שניט גייט בלוט. פריידל איז געשטאַנען לעבן בערקע׳ן מיט זיינע זין און האָט שטיל געוויינט.

בענטשיק האָט געזאָגט וויינענדיג און מיט אָפּגעהאַקטע רייד:

— ווער דאַרף האָבן אירע זאַכן? איך דאַרף זיי ניט. זי איז אַליין שולדיג, זי האָט מיך גענאַרט. מיינע מתנות האָט זי גענומען, אַ זייגערל, אַ בראַסלעט, אַ...

די לעצטע ווערטער האָבן אַורעמל׳ען געטראָפן ווי אַ דונער. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ריוועלע האָט אים קיינמאָל ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער אויף זיינע פראַגן, וואו זי האָט גענומען די טייערע שטיקער צירונג. הייסט עס, בענטשיק האָט זיי איר געגעבן און זי האָט זיי ביי אים גענומען. „ניין, ס׳אַ ליגן, ס׳קאָן ניט זיין", האָט ער זיך געפּרואווט באַרואיגן, נאָר ער האָט געוואוסט, אַז ס׳איז ניט קיין ליגן, אַז בענטשיק זאָגט דעם אמת. און דאָס האָט אין אים אָנגעצונדן אַ ווילדע שנאה צו בענטשיק׳ן. ביז איצט איז דאָס געווען בענטשיק גנב, און ער האָט אים געשלאָגן אָן כעס, געשלאָגן מיט חשבון, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז נאָר דורך די קלעפּ וועט ער צוריקקערן ריוועלע׳ן איר אויסשטייער. איצט אָבער איז דאָס מער ניט געווען בענטשיק גנב, נאָר בענטשיק, וואָס האָט געגעבן ריוועלע׳ן מתנות און וואָס זי האָט זיי ביי אים גענומען. איז ער צוגעשפּרונגען צו זיין קאָנקורענט און האָט אַ רעווע געטאָן:

— דו, גנב, גיב אָפּ די זאַכן, אַניט מאַך איך אַ סוף צו דיר אָט־דאָ באַלד!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן בענטשיק׳ן, אים אויפגעהויבן פון דער ערד און אים דערלאַנגט אַ מורא׳דיגן זעץ אין פּנים. בענטשיק האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז געפאַלן חלשות.

אַביש האָט איינגעהאַלטן דעם זון. מאָטקע איז צוגעלאָפן און האָט געזאָגט:

— ר׳ אַביש, מאָרגן אינדערפרי וועל איך ברענגען די זאַכן צו

ריוועלע׳ן אין הויז. איך שווער ביי מיינע טויטע טאַטע־מאַמע. איר גלויבט מיר, ר׳ אַביש ?

אַביש האָט אַריינגענומען זיין ברייטע באָרד אין זיין גרויסער האַנט, אַ קוק געטאָן אויף מאַטקע׳ן, אויף אַורעמל׳ען, דערנאָך אויף בענטשיק׳ן און ווידער אויף מאַטקע׳ן און רואיג געזאָגט:

— מאַטקע, דו פאַרשטייסט וואָס דו זאָגסט ? שפּילסט זיך מיטן מלאך־המות.

— מאָרגן וועלן די זאַכן זיין ביי אייך, — האָט מאַטקע געזאָגט, — איך אַליין וועל זיי אָפּברענגען.

אַורעמל האָט ניט געוואָלט געטרויען מאַטקען, נאָר ער האָט געפאָלגט דעם טאָטן און איינגעשטימט. בערקע, כאַנע און זיידל האָבן געהאָלפן מאַטקע׳ן אַרויספירן שייקע׳ן מיט בענטשיק׳ן. מאַטקע איז געגאַנגען אינמיטן, בענטשיק און שייקע ביי די זייטן, אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אַקסלען. אַזוי האָבן זיי זיך אַוועקגעשלעפּט פון הויז.

מאַטקע האָט געהאַלטן וואָרט. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט אַ פויער אויף זיין וואָגן געבראַכט אַלע דריי קאַסטנס. קיין זאַך האָט ניט געפעלט. דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס ריוועלע האָט געקראָגן פון בענטשיק׳ן, איז ווי פריער געלעגן איינגעפּאַקט אין אַ קליין הילצערן קעסטעלע אין איינעם פון די קאַסטנס.

.8

דאָס שטעטל האָט אויפגעכאַפּט די נייעס, וואָס האָט זיך פאַר־שפּרייט ווי אַ פייער געיאָגט פון אַ שטורעם־ווינט. עס האָט זיך אַ וויג געטאָן אין שטעטל. אַלט און יונג האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם גערעדט וועגן דער פּאַסירונג. מען האָט דערציילט און איבער־דערציילט די גאַנצע געשיכטע, מיט אַלע איינצעלהייטן. יעדער דער־ציילער האָט צוגעלייגט אַ טראָפּן פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, ביז דער שטילער און באַשיידענער אַורעמל איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון שטעטל צו דער מדרגה פון אַ לעגענדאַרישן העלד, וואָס באַזיצט אַן איבערמענטשלעכע גבורה און איז גרייט צו שטעלן זיין לעבן אין געפאַר פאַר גערעכטיגקייט.

אויך ביי אַביש דעם בער איז אַורעמל פּלוצים אויסגעוואַקסן. ביים פאָטער איז אויפגעגאַנגען אַ וואַרעמע און ליכטיגע פרייד, וואָס האָט אים אי געשטאַרקט, אי געשראָקן. ניט געקוקט אויף זיין ליבע צום בן־יחיד, פלעגט אַביש אָפּט זיך וואונדערן ווי עס קומט צו אים אַזאַ זון, אַזאַ שטילער און שעמעוודיגער, וואָס דאָס פּאַסט גאָרניט פאַר אַ מאַנסביל. צוליב אַורעמל׳ס סטאַטעטשנער באַנעמונג און זיין אויסזען, וואָס איז געווען דער היפוך פון טאַטנ׳ס, פלעגט אַביש אָפּט פילן אַ מאָדנע פרעמדקייט צו זיין אייגענעם זון. דאָס געפיל פון זיין זונ׳ס אַנדערשקייט פלעגט אים פייניגן און ער פלעגט פאַר־איבל האָבן אין דער שטיל אויף זיין ווייב פריידל, וואָס האָט אים געבאָרן אַזאַ זון. אָבער ווען ער פלעגט זיך דערמאַנען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיינע יונגע יאָרן צוליב זיין ווילדן כעס און זיין גבורה, פלעגט ער זיך טרייסטן, אַז עס איז בעסער, וואָס זיין אַורעמל

איז געראָטן אין דער מאַמען. „בעסער אַזוי‟, פלעגט אַביש טראַכטן און זיך באַרואיגן.

אָבער נאָך דעם געשלעג צווישן אַוורעמל׳ען מיט שייקע אָקס און בענטשיק׳ן, נאָך דעם ווי ער האָט אַליין געזען זיין זון׳ס געשיקט־קייט און גבורה, האָט ער דערפילט, אַז ס׳איז פאַרט זיין זון, זיין אייגן בלוט און פלייש. איז אים אַוורעמל געוואָרן נעענטער, אייגענער און ליבער ווי פריער. נאָר גלייכצייטיג האָט אַביש זיך געשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַוורעמל וועט ווערן אַן אַנדערער, נאָך דעם ווי ער האָט דערשפירט זיין אייגענע גבורה. ער האָט זיך דער־מאָנט ווי ער אַליין האָט אין זיך פּלוצים דערפילט אַ נייעם, אַן אַנדערן אַביש נאָך דעם ערשטן געשלעג אין די יונגע יאָרן. זיין שטאָלץ צוליב אַוורעמל׳ס אַרויסגעוויזענער גבורה איז אָבער ניט געמינערט געוואָרן פון זיין שרעק, אַז דער זון קאָן נאָך אַוועק אויף אַ קרומען וועג. זיין הויז איז אים געוואָרן היימישער. פריידל איז אים געוואָרן טייערער און אין אַוורעמל׳ען האָט ער דערפילט באמת אַן אייגן קינד, אַ גליד פון זיין אייגענעם קערפּער. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס אין הויז איז דאָ נאָך אַ מאַנספּאַרשוין, נאָך אַן אַביש בער, נאָר אַ יונגערער, אַ שענערער. ער האָט דערפילט ווי ער הויבט אָן אַ ניי לעבן, וואָס פאַרמאָגט אַ ציל.

ניט אַביש און ניט פריידל האָבן ניט פאַרדעכטיגט, אַז אַוורעמל ווערט געפלאָגט פון אייפערזוכט. זיי האָבן געדענקט, אַז ער גייט ניט צו דער אַרבעט צוליב דעם שניט אין אָרעם, וואָס ער האָט גע־קראָגן פון בענטשיק גנב. זיי זיינען געווען צופרידן וואָס ער זיצט אין הויז ביז די וואונד וועט זיך פאַרהיילן.

אין דער אמת׳ן האָט אַוורעמל זיך זייער ווייניג געקימערט וועגן זיין וואונד. ער האָט קוים געפילט דעם פיזישן ווייטאָג צוליב דעם גאָר אַנדערן, אינערלעכן ווייטאָג, וואָס האָט אים געפייניגט אָן אויפ־הער. ער האָט מיט פיינלעכער קלאָרקייט אויפגעפרישט אין זכרון זיינע שמועסן מיט ריוועלע׳ן וועגן די טייערע שטיקלעך צירונג, פון וועלכע זי האָט אַזוי אַנגעקוואָלן. עטלעכע מאָל האָט ער זי געפרעגט

וואו זי האָט גענומען אַזעלכע טייערע זאַכן, און יעדן מאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט מיט מאָדנע ענטפערס, אַז זי האָט זיי ניט גע׳גנב׳עט, אַז זי האָט זיי געקראָגן פאַר אומזיסט. איצט דאַרף ער שוין מער ניט פרעגן. ער ווייסט שוין, אַז בענטשיק האָט איר געגעבן די מתנות און אַז זי האָט זיי ביי בענטשיק׳ן גענומען. פאַרוואָס האָט איר בענ־טשיק געגעבן מתנות? פאַרוואָס האָט זי גענומען זיינע מתנות? וואָס פאַר געשעפטן האָט זי געהאַט מיט בענטשיק דעם גנב?

אָט אַזעלכע פראַגן האָבן אים געעגבערט דעם מוח און אים גע־ברענט ווי מיט פייער. דער ווייטאָג איז געווען אַ סך שטאַרקער ווי פון דער וואונד, וואָס בענטשיק האָט אים געמאַכט מיט דעם מעסער. וויפיל ער האָט זיך ניט געפּרואווט איינרעדן, אַז ס׳איז גאָרניט, ס׳איז אַ נאַרישקייט, האָט ער ניט געקאָנט פאַריאָגן זיין צער. וואָס מער ער האָט זיך געטרייסט, אַלץ מער האָט ער זיך נאָכגעגעבן זיינע פינצטערע מחשבות. ער האָט זיי געלאָזט וואַנדערן אומגעשטערט און זיך געלאָזט פייניגן פון דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט פאַר אים געמאָלן בילדער פון ליבעניש צווישן בענטשיק׳ן מיט ריוועלע׳ן. אָט־די בילדער, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן, זיינען ביי אים געוואָרן אַן אמת׳ע וואָר. ער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן וואָס ס׳איז אמת און וואָס ס׳איז אויסטראַכטעניש. ער איז שוין געווען זיכער, אַז ריוועלע האָט אים גענאַרט און האָט געשפּילט אַ ליבע מיט בענטשיק׳ן. עס האָט זיך אין אים צעברענט אַ ווילדער כעס אויף ריוועלע׳ן. ער האָט דערפילט אַ ביטערע חרטה, וואָס ער האָט צעשלאָגן בענטשיק׳ן, וועלכער איז אינגאַנצן ניט שולדיג, ווייל אויך מיט בענטשיק׳ן האָט זיך ריוועלע, ווייזט אויס, געשפּילט ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, און צוליב אירע פאַלשע שטיק האָט ער דאָס געמאַכט דעם גאַנצן סקאַנדאַל! ער האָט איר ניט געקאָנט מוחל זיין איר פאַלשקייט, וואָס האָט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ געשלעג מיט בענטשיק׳ן און זיינע לייט.

איין זאַך איז געווען קלאָר פאַר אים: צווישן אים און ריוועלע׳ן איז אַלץ אויס! מיט אַזאַ פאַלשער מיידל וועט ער קיינמאָל ניט חתונה

האָבן. ער וועט זי אַלעמאָל חושד זיין אין עפּעס אַנדערש. און אויב זי איז אַזוי פֿאַלש פֿאַר דער חתונה, וועט זי נאָך ערגער ווערן נאָך דער חתונה.

אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ווי אַזוי זאָל ער אָפּלאָזן דעם שידוך? זאָל ער גיין צו איר און איר אַלץ זאָגן אין פּנים אַריין, אָדער ער זאָל איר שרייבן אַ בריוו? צי אפשר זאָל ער שיקן נאָך ריוועלע'ס ברידער, זיינע פריינט כאַנע און זיידל, און זיי דערציילן די גאַנצע געשיכטע? וואָס וועלן זיי זאָגן, וואָס וועט זיין טאַטע און מאַמע זאָגן, וואָס וועט דאָס שטעטל זאָגן? ווי אַזוי וועט מען אויף אים קוקן? ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שטעטל כאַפּט זיך אָן אין אַזעלכע זאַכן. ס'וועט פֿאַר קיינעם ניט זיין קיין סוד פֿאַרוואָס ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך. מען וועט אים באַרעדן, מען וועט אויף אים רחמנות האָבן און מען וועט פון אים לאַכן, אים באַשטעקן מיט פעדערן. נאָך מער האָט אים וויי געטאָן פאַר זיין שטילער, גוטער מאַמע, וואָס האָט אַזוי־פיל געליטן צוליב דעם טאַטן און איצט וועט זי האָבן צער פון איר זון. עס האָט זיך אין אים נאָך ווילדער צעברענט דער כעס אויף ריוועלע'ן, וואָס האָט אַלעמען אומגליקלעך געמאַכט.

אַוורעמל האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז אַוועק פון שטעטל און אפשר אויך מיטנעמען זיין טאַטע־מאַמע. אָבער וואוהין? קיין אַמעריקע! האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. יאָ, אַמעריקע! דאָס וועט אַלץ פֿאַר־ענטפערן. דאָרט וועט ער אָנהויבן פון דאָס ניי. אין אַמעריקע וועט ער ניט זיין אַוורעמל אַביש דעם בער'ס. דאָרט וועט ער הייסן אברהם ברוידע. פריער וועט ער אַליין אַוועקפאָרן און דערנאָך אַרויסנעמען טאַטע־מאַמע. ער וועט קומען אין שטעטל זיי נעמען. פֿאַרוואָס ניט? ער איז יונג און שטאַרק, ער וועט אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, אָנ־זאַמלען גענוג געלט און דערנאָך קומען אין שטעטל אַ רייכער, אויס־געפּוצטער אַמעריקאַנער און פֿאַרנעמען זיין טאַטע־מאַמע קיין אַמע־ריקע. אויב זיינע עלטערן וועלן אים שטערן, וועט ער פֿאָרן אָן זייער הסכמה, אַפילו אָן זייער וויסן. יאָ, אַמעריקע איז זיין איינציגע רעטונג, די איינציגע רפואה צו אַלע זיינע צרות. ער וועט אַוועק קיין אַמעריקע

און — אויס בענטשיק, אויס ריוועלע, אויס שטעטל! אַמעריקע! אַזוי וועט עס זיין. קיינער קאָן אים ניט אָפּהאַלטן. און מען דאַרף ניט אָפּלייגן. אַז פאָרן, וועט ער פאָרן באַלד, — מאָרגן, איבערבאָרגן, וואָס גיכער אַלץ בעסער. מאָרגן וועט ער אַרויסציען זיין געלט פון באַנק, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר דער חתונה מיט רעוועלע׳ן, אויף מעבל און אויף אַן אייגענער מאַסטערסקאַיאַ. ער וועט אַ טייל איבערלאָזן דעם טאַטן און דאָס איבעריגע וועט קלעקן אויף אַ שיפס־קאַרטע.



צווייטער טייל

צווייטער טייל

1.

אין אַמעריקע איז אַווּרעמל'ען ניט געגאַנגען אַזוי גוט, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. עס איז אים אָנגעקומען שווער דער פּראָצעס פון אויסגרינען זיך און שווער איז אים אָנגעקומען איינצולעבן זיך אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק. די הויכע שטיינערנע הייזער, ווי די מצבות, האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שרעק. זיין קליין, פינצטער צימערל, מיטן שמאָלן פענצטערל, וואָס איז פאַרשטעלט געוואָרן פון אַ הויכער ציגלנער וואַנט, האָט אים איינגעהילט אין איינזאַמקייט ווי אין אַ תפיסה און האָט אים געיאָגט אין גאַס. דער ווילדער טומל און די פרעמדע גאַסן האָבן אים צוריקגעיאָגט אין פינצטערן צימערל.

שווער איז אים אָנגעקומען אַרויסצורעדן די עטלעכע ענגלישע ווערטער, וואָס ער האָט איבער זיי געהאַרעוועט וואָכן לאַנג. ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די האָפענונג ווען עס איז זיך אויסצולערנען די פרעמדע און שווערע שפּראַך.

מיט דער אַרבעט האָט ער אויך קיין מזל ניט געהאַט. ער האָט געאַרבעט ביי פעיפּער באָקסעס (קאַרטאָן־שאַכטלעך), ביי פּאַקעטבוקס (האַנט־טאַשן) און ביי אַ טוץ אַנדערע אַרבעטן, ביז ענדלעך איז אים געלונגען זיך אויסצולערנען אַ טרעיד (אַ פאַך). זיין לאַנדסמאַן האָט אים אַרויפגענומען אין אַ שאַפּ, וואו מען האָט אים געלערנט צו זיין אַ פּאַריער (אַרבעטער ביי פוטער). פיר וואָכן האָט ער געמוזט אַרבעטן אומזיסט און נאָך צוצאָלן צען דאָלער. ער איז געווען צופרידן וואָס ענדלעך וועט ער האָבן אַ טרעיד אין האַנט און קענען מאַכן אַ לעבן.

דעם שאַפּ האָט אַווּרעמל פיינט געהאַט. ער האָט פיינט געהאַט

די דיסציפלין אין שאַפּ. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די מורא פון די אַרבעטער פאַר דעם באָס, וואָס איז ווי אַ ווילדער אַרומגעלאָפן צווישן די אַרבעטער און האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין ברומען: „טו זיך אַ שאָקל, דער טאָג שטייט ניט!“ ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די אַרבעטער ציטערן צו רעדן אַ וואָרט צווישן זיך, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי מורא פאַר דעם באָס, פאַר דעם דאָרן, קליינעם, בלייכן מענטשל, וואָס ווערט קיינמאָל ניט מיד אַרומצולויפן אין שאַפּ באַקוקן די אַרבעט און היטן יעדן אַרבעטער׳ס באַוועגונג. אין שאַפּ איז געווען ענג, די טישן און מאַשינען זיינען געווען אויסגעשטעלט איינער לעבן אַנדערן — אומיסטן, כדי דער באָס זאָל קאָנען האָבן אַלעמען אויפן אויג. אויף דעם דיל זיינען געווען אָנגעלייגט פעל און אויפגעטרייטע מאַנטלען. לעבן נאָגל־ברעט זיינען געלעגן נאַסע מאַנטלען, וואָס מ׳האָט זיי איינגעווייקט, זיי זאָלן ווערן ווייכער צום נאָגלען. לעבן די טישן, וואו עס זיינען געשטאַנען די קאַטערס (צו־שניידערס) און לעבן די מאַשינען, אויף וועלכע די אָפּערעיטאָרס (שטעפּערס) האָבן געניית, זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן שטיקלעך אָפּ־געשניטענע פוטער, אויסגעמישט מיט שפּילקעלעך, וואָס די קאַטערס האָבן גענוצט צוצושפּיליען איין פעל צו דער אַנדערער. לעבן די טישן פון די פינישערס (אַרבעטער וואָס פאַרטיקן אויס די מאַנטלען) זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן שטיקלעך געוואַנט, אָפּשניצלעך פון אונטערשלאַק. איבער דעם גאַנצן דיל זיינען געווען צעשאָטן טשוועקעלעך, וואָס דער נאָגלער האָט באַנוצט. איבער דעם שמוציגן שאַפּ האָט זיך געטראָגן אַ שטויב מיט האָר פון דעם פוטער. די פענצטער זיינען שטענדיק געווען שמוציג. אין די הייסע זומער־טעג איז אין שאַפּ געווען אומדערטרעגלעך. די הייסע לופט און דער שטויב האָבן געביסן אין נאָז און געשטיקט אין האַלז. דער שווייס האָט גערונען ווי וואַסער. די ביליגע פאַרב פון דעם פוטער האָט אָפּגעפאַרבט די פייכטע הענט פון די אַרבעטער, און די פאַרב איז צעשמירט געוואָרן איבערן גאַנצן פנים. עס איז אַוורעמל׳ען באַפאַלן אַ מורא אַ קוק צו טאָן אויף די אַרבעטער. ערגער פון אַלץ האָט געווירקט אויף אים דאָס, וואָס די

„טו זיך אַ שאָקל, דער טאָג שטייט ניט!״ — האָט דער באָס געהאַלטן
אין איין שרייען.

אַרבעטער האָבן אים געטרייסט מיט די ווערטער: „זאָרג זיך ניט, גרינער, וועסט זיך צוגעוואוינען צו די צרות.“

אין אָוונט נאָך דער אַרבעט פלעגט אָורעמל אַרויפגיין אויף דעם דוך (פלאַכער דאַך) זיך אָפּקילן פון דער היץ און איינאָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. די אָוונטן זיינען געווען נאָך שווערער ווי די טעג. פריי פון דער אַרבעט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער בענקשאַפט נאָכן שטעטל. די בענקשאַפט אַהיים האָט אים געמאַטערט ביז טרערן. ער האָט געבענקט נאָך די ברייטע, גרינע פעלדער, וואו ער פלעגט שפּאַצירן אין די קילע זומער־אָוונטן; נאָך דעם גרויסן און גלאַטן טייך, וואו ער פלעגט אין די זומער־אָוונטן און שבת אַזוי זאָרגלאָז שווימען. ער האָט געבענקט נאָך דעם קאַלטן, פרישן וואַסער, וואָס ער פלעגט אַרויפציען אין דעם שווערן הילצערנעם עמער. ער האָט געבענקט נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך זיינע חברים, און איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך ריוועלע׳ן, וואָס איצט האָט ער זי ליב געהאַט מער ווי ווען עס איז פריער. די נעכט האָבן אים געפּייניגט. זיינע מידע גלידער האָבן זיך געצויגן צום שלאָף, נאָר זיין בענקשאַפט אַהיים און זיין חרטה וואָס ער איז משוגע געוואָרן און געקומען קיין אַמעריקע, האָבן אים ניט געלאָזט איינשלאָפן. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון די לאַנדסלייט און ניט געשלאָסן קיין פריינטשאַפט מיט קיינעם. ער איז געווען איינער אַליין אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. אַליין מיט זיין עלנטקייט און איינזאַמקייט. מיט פיינלעכער הנאה האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו זיין בענקשאַפט און חרטה. עקשנות־דיג האָט ער געוויכט פון די פאַרגעניגנס פון דער גרויסער שטאָט אין דעם גרויסן לאַנד, כדי ער זאָל וואָס גיכער זיך אַרויסראַטעווען פון דאָרטן און צוריק אַהיים פאָרן.

צוערשט האָט ער געטראַכט צו פאָרן קיין בראַזיל, צי אַרגענ־טינע; ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס זיינען פוסטע געדאַנקען, אַז דאָס נאַרט ער זיך אַליין. אין דער אמת׳ן וויל ער גאָר פאָרן אַהיים, אין זיין שטעטל, וואו ער איז געבוירן און אויסגעוואַקסן, וואו אַלע קענען אים און ער קען אַלעמען, וואו דאָס לעבן פליסט רואיג און

זאַרגלאָז, צווישן אייגענע און פרייַנט. אָבער ווי אַזוי קאָן ער אַהיים פאָרן? ווי אַזוי וועט מען אויף אים קוקן אין שטעטל, און צי וועט ריוועלע אים מוחל זיין וואָס ער האָט זי אַזוי באַליידיגט און איז אַוועק פון איר אָן אַ זיי־געזונט? וועגן דעם האָט ער געטראַכט און גע־טראַכט און ניט געפונען קיין ענטפער. ער האָט זיך געשראָקן פאָרן געדאַנק, אַז ער וועט מוזן פאַרבלייבן אין אַמעריקע. אָפט פלעגט ער זיך פרעגן מיט פאַרוואורף פאַרוואָס ער איז אַזוי אַנדערש ווי זיינע באַקאַנטע. יענע זיינען צופרידן מיט אַמעריקע און וואָלטן פאַר קיין פאַל ניט צוריקגעפאָרן אַהיים. בלויז ער פייניגט זיך און קאָן זיך ניט צופאַסן צום נייעם לעבן. ער האָט אין די געדאַנקען געפרואווט זיך צופאַסן צום פרעמדן לאַנד, אָבער דער שאַפּ, דער פינצטערער צימער און די עלנטקייט האָבן אים געטריבן צוריק צו זיין בענק־שאַפט אַהיים.

אַוורעמל׳ס נערוון זיינען געוואָרן צערודערט. ער האָט זיך אָנ־געהויבן שרעקן פאַרן געזונט. געוואוסט האָט ער, אַז קיין דאָקטאָר קאָן אים ניט העלפן. „אַך, — האָט ער געטראַכט, — ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט אַ פריינט, פאַר וועמען איך זאָל זיך קאָנען אַראָפּרעדן פון האַרצן, וואָלט מיר אפשר גרינגער געוואָרן.״ אָבער וואו נעמט מען אַזאַ באַגענטן פריינט, פאַר וועמען מען זאָל קאָנען רעדן פריי און אָפן און יענער זאָל פאַרשטיין?

מאָריס, האָט אַוורעמל געטראַכט, איז דער איינציגער, פאַר וועמען ער וואָלט זיך געקאָנט באַקלאָגן. דער קלוגער און דער־פאַרענער מאָריס וואָלט אים זיכער פאַרשטאַנען. אָבער ווי אַזוי צו־צוטרעטן צום ענין האָט ער ניט געוואוסט. מאָריס האָט געאַרבעט מיט אים אין שאַפּ. ער איז געווען אַ קאַטער. אַ הויכער, ברייט־ביינערדיגער, מיטליאַריגער מענטש, שטענדיג נעט געקליידט, מיט אַ סימפּאַטישן, מענלעכן פּנים און שוואַרצע, גוטמוטיגע אויגן, — האָט מאָריס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וועלטלעכן מענטשן מיט אַ סך דערפאַרונג אין לעבן. אַלע אַרבעטער אין שאַפּ האָבן זיך באַצויגן צו מאָריס׳ן מיט גרויס רעספּעקט. אַפילו דער באַס,

מאָריס׳עס אָנקל, האָט אים באַהאַנדלט אַנדערש ווי די איבעריגע אַרבעטער. אים האָט דער באָס קיינמאָל ניט געוואַגט צו זאָגן, אַז ער זאָל זיך אַ שאָקל טאָן. צו מאָריס׳ן פלעגט ער רעדן מיט אָפּשיי, ווי צו איינעם פון די באַיערס (איינקויפער פאַר גרויסע פירמעס), אָדער ווי צום פרעזידענט פון אַ באַנק. ער פלעגט זיך מיט אים באַראַטן וועגן זיינע געשעפטן. אויב עס פלעגט אויסברעכן אַ קריגערייַ צווישן צוויי אַרבעטער אין שאַפּ, פלעגט מאָריס אויסגלייכן דעם סכסוך, ווייל די אַרבעטער האָבן זיך גערן פאַרלאָזט אויף זיין שכל און זיין יושר.

אַוורעמל האָט פון דעם ערשטן מאָל וואָס ער האָט דערזען מאָריס׳ן אים האָלד געקראָגן. אַלעמאָל, ווען יענער פלעגט אַ פרעג טאָן: „נו, אַוורעמל, ווי גייט עס דיר אין אַמעריקע?" — פלעגט אַוורעמל פילן אַ באַזונדערע פריינטלעכקייט אין זיין שטימע.

האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אָפּוואַרטן מאָריס׳ן ביים שאַפּ נאָך דער אַרבעט, פאַר אים אויסרעדן זיין האַרץ און פרעגן ביי אים אַן עצה. ער האָט דאָס אָבער אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט אָננעמען מיט מוט און פאַרפירן אַזאַ מין שמועס מיט מאָריס׳ן. פונדעסטוועגן האָט דער באַשלוס גופא זיך דורכצורעדן מיט מאָריס׳ן אים אַ ביסל באַרואיגט. יעדן מאָל, ווען זיין בענקשאַפט האָט אים גענומען מאַטערן, איז מאָריס׳עס געשטאַלט אויפגעשוואומען פאַר זיינע אויגן, ווי זיינער אַ געטרייער באַשיצער אין אַ פיינטלעכן לאַנד. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן, אַז מאָרגן וועט ער זאָגן מאָריס׳ן, אַז ער וויל מיט אים רעדן נאָך דער אַרבעט.

יענעם טאָג איז אַוורעמל אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינטלעך. ער האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן און איז אַרונטער אין גאַס. עס איז נאָך געווען פרי, אָבער די זון האָט שוין געברענט אין דער שטיינער־נער שטאָט, וואָס איז נאָך ניט געווען אָפּגעקילט פון דער נעכטיגער היץ. איבער די גאַסן זיינען מענטשן געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט לאַנגזאַמע, פוילע און מידע טריט. אַוורעמל האָט אין זייערע פייכטע פּנימער געזען זייער אויסגעמאַטערטקייט פון דער שלאָפלאָזער שטיקענדיגער נאַכט.

ער איז אַריין אינעם קליינעם רעסטאָראַן געגנאיבער דעם שאָפּ, האָט גענומען צוויי בולקעלעך, אַ שטיקל פּוטער און אַ טעפּל קאַווע און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, אָפּגערוקט פון אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי עטלעכע טישלעך און פיל געגעסן זייער איבערבייסן.

מאָריס איז אַריין אין רעסטאָראַן מיט פעסטע און זיכערע טריט, ווי געוויינלעך. ער האָט גענומען אַ טעפּל קאַווע און מיט אַ לאַנגן בליק באַטאַפּט די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישלעך. ער האָט דערזען אַוורעמל׳ען, איינעם אַליין ביי אַ טיש און איז צו־געגאַנגען צו אים.

— מעג מען זיך זעצן לעבן אייך, אַוורעמל? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פריינטלעכן און מונטערן קול.

— געוויס, — האָט אַוורעמל אַ צופרידענער און פאַררויטלטער געענטפערט.

מאָריס האָט ניט געוואַרט אויף זיין ענטפער. ער האָט אַרויס־גערוקט אַ בענקל, וואָס איז געווען פאַררוקט אונטער דעם טיש, זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן לאַנגזאַם זופּן זיין קאַווע. פּלוצים האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַוורעמל, איר האָט זיך שוין איבערגעבעטן מיט קאָלומ־בוס׳עס מדינה?

אַוורעמל איז איבערראַשט געוואָרן פון דער דירעקטער פראַגע. ער איז געווען צופרידן, וואָס מאָריס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס יענער אירצט אים, וואָס דאָס באַ־וויזט, אַז ער רעספּעקטירט אים. מאָריס האָט ניט געוואַרט אויף אַוורעמל׳ס ענטפער און האָט ווייטער גערעדט צווישן איין זופּ קאַווע און אַ צווייטן:

— איר זייט ניט דער ערשטער, ווען עס קומט אָן שווער זיך איינצולעבן אין אַמעריקע. מיר איז אויך געווען שלעכט די ערשטע פּאָר יאָר. איך האָב געבענקט אַהיים. איך האָב פאַר קיין

פאַל ניט געוואָלט פאַרבלייבן דאָ. איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַ ווילדע מדינה.

אַורעמל האָט געשלונגען מאָריס׳עס ווערטער.

— איצט אָבער, — האָט מאָריס ווייטער געזאָגט, — וואָלט איך ניט אַהיימגעפאָרן, אַפּילו ווען מען שענקט מיר אָוועק דאָס גאַנצע שטעטל וואו איך בין אויפגעוואָקסן. אַזוי גייט עס, אַורעמל.

ער האָט אָפּגערוקט דאָס אויסגעליידיגטע קאַווע־טעפּעלע, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אַורעמל׳ען, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ זאָג געטאָן שאַרף:

— אַורעמל, אַמעריקע איז דאָס פיינסטע לאַנד אין דער וועלט. מיין אָנקל׳ס שמוציגער שאָפּ איז ניט אַמעריקע. די אַרבעט ביי מיין אָנקל, וואָס איז אַן אמת׳ע אָפּקומעניש, איז אויך ניט אַמעריקע. דאָ אין דער נייער וועלט שטראָמט דאָס לעבן מיט אַ ריזיגער קראַפט. אַלץ איז דאָ פאַראַן צו פאַרשענערן און פאַרגרינגערן דעם אַרבעטער׳ס לעבן. איר, אַורעמל, מוזט זיך צופּאַסן צום לעבן. איר מוזט פאַרגעסן אייער שטעטל און געפינען דעם וועג צום אַמעריקאַנער שיינעם, זאַפטיגן לעבן. ווערט אויס גרינער.

אַורעמל האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך פון איבערראַשונג. פון וואַנען ווייסט מאָריס, האָט ער געטראַכט, וועגן זיינע געדאַנקען, זיין שווער לעבן, זיין בענקשאַפט און זיין מיינונג וועגן אַמעריקע? ער האָט שטאַמלענדיג אַ פרעג געטאָן:

— און ווי אַזוי געפינט מען דעם וועג?

מאָריס האָט געשוויגן אַ ווייל, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, ווידער אַריינגעקוקט אין אַורעמל׳ס פּנים און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיכערן און כמעט באַפעלנדיגן טאָן:

— שליסט זיך אָן אין דער יוניאָן! מאָרגן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, וועט אין קופּער יוניאָן אָפּגעהאַלטן ווערן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג. קומט צום מיטינג.

ער האָט אַורעמל׳ען דערלאַנגט אַ צירקולאַר, וואָס האָט גערופן די פאַריערס צום מיטינג.

— נו, עס ווערט שפּעט, לאָמיר גיין שקלאָפן, — האָט ער פאַר־ענדיגט דעם שמועס. זיי זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן און אַרויף אין שאַפּ.

אָוורעמל האָט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ יוניאָן אין טרעיד. פון די שמועסן צווישן די אַרבעטער איז ער געוואויר געוואָרן, אַז אין 1920 האָט די יוניאָן פאַרלאָרן דעם סטרייק און איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער די שעפּער. ער האָט אויך געוואוסט, אַז זיין שאַפּ איז איינער פון אַ סך, וואָס באַלאַנגען ניט צו דער יוניאָן און אַז זיין באָס איז איינער פון די איינגעשפּאַרטסטע געגנער פון דער יוניאָן.

אָוורעמל האָט גאָרניט געהאַט צו דער יוניאָן. פאַרקערט, ער האָט אַפילו געטראַכט וועגן ווערן אַ מיטגליד. אָבער ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די יוניאָן קאָן אים העלפן אין זיינע פערזענלעכע צרות. צו דער זעלבער צייט איז ער אָבער געווען זיכער, אַז דער קלוגער מאָריס וועט אים ניט געבן קיין נאַרישע עצה.

מיט אומגעדולד האָט אָוורעמל געוואַרט אויף דער מאַסן־פאַר־זאַמלונג. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען געקומען אין גרויסן קופּער־יוניאָן זאַל. ער האָט אויסגעקליבן אַ פּלאַץ נאָענט צו דער פּלאַטפאָרמע. ביסלעכוויז האָט זיך דער זאַל אָנגעפילט מיט אַרבעטער. ס׳איז דאָרט געווען טומלדיג. די אַרבעטער האָבן גע־רעדט צווישן זיך אויפן קול. אָוורעמל איז געזעסן אַליין און באַטראַכט די אַנדערע. ער האָט ניט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אַזויפיל פאַריער. אים איז פאַרגעקומען מאָדנע, וואָס זיי זעען אויס אַזוי אַנדערש אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער אין זיין שאַפּ. אַלע זיינען געווען ריין אָפּגעראַזירט, נעט אָנגעטאָן. זיי האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט מיט זייערע פריינט און שכנים. ער האָט אין דער שטיל געפילט ווי איינער פון זיי און האָט אָנגעהויבן ליב האָבן די לעבעדיגע און פריילעך־געשטימטע מאַסע אַרבעטער.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען אַרויפגעקומען עטלעכע מענטשן.

אין זאָל האָבן אויסגעבראָכן הילכיגע אַפּלאָדיסמענטן. ווען דער פּאַר־זיצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער איבער דעם שטענדער, איז דער טומל אין זאַל אָפּגעשניטן געוואָרן ווי מיט אַ מעסער. אַ האַרטע ערנסטקייט האָט זיך אויסגעגאָסן איבער די פּנימער פון די פאַר־זאַמלטע. דער פאַרזיצער, אַ מענטש אין די פופציגער, האָט גערעדט רואיג און געלאַסן. ער האָט דערקלערט, אַז פון זינט דער סטרייק איז פאַרלאָרן געוואָרן און די יוניאָן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן זיך פאַרמערט די ניט־יוניאָן שעפּער, און טויזנטער אַרבעטער צאָלן ניט קיין דיוס צו דער יוניאָן. די באָסעס ווייסן וועגן דעם צושטאַנד. זיי ווייסן, אַז די יוניאָן האָט ניט קיין כוח צו באַשיצן די אַרבעטער, און זיי נוצן אויס די לאַגע פאַר זייערע אינטערעסן: פאַרקלענערן די שכירות און פאַרלענגערן די אַרבעט־שעה׳ען. עס רוקט זיך אָן אַ געפאַר, אַז די אַלטע שקלאַפעריי־באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין טרעיד איידער די יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן, זאָלן צוריק איינגעפירט ווערן אין די שעפּער. ער האָט אויך דערציילט, אַז אין טרעיד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן דער אומגליק פון היים־אַרבעט און ער האָט פאַרענדיגט מיט אַ וואַרעמען רוף צו די אַר־בעטער, אַז זיי זאָלן צוריק אַריינטרעטן אין דער יוניאָן, באַפעסטיגן די אָרגאַניזאַציע, כדי מען זאָל ווידער קאָנען איינפירן יוניאָן־שכירות, יוניאָן־באַדינגונגען און יוניאָן־קאָנטראָל אין טרעיד. די אַרבעטער האָבן וואַרעם אַפּלאָדירט דעם פאַרזיצער.

דערנאָך האָט ער פאָרגעשטעלט אַ יוניאָן־באַאַמטן ווי דעם ערשטן רעדנער. יענער האָט גערעדט אויף ענגליש. אַוורעמל האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער ער איז געוועזן זיכער, אַז יענער רעדט כמעט דאָס זעלבע וואָס דער פאַרזיצער האָט פריער געזאָגט אין אידיש. ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיגט זיין רעדע, האָט דער פאַרזיצער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם האַמער און געבעטן מען זאָל זיך פאַרהאַלטן אין אָרדענונג, ווייל דער קומענדיגער רעדנער וועט זיין דער גרויסער אַרבעטער־פירער, וואָס האָט געהאָלפן בויען אַלע נאָדל־טרעיד יוניאָנס, „דער איבערגעגעבנסטער פריינט פון דער פאַריערס

יוניאָן, דער גרויסער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און־
זער אַלעמענס באַליבטער גענאָסע מ.״.

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. דער רעדנער איז צוגעקומען צום שטענדער. אָוורעמל האָט אים גוט באַ־טראַכט. ער איז געווען אַ ביסל העכער פון נידעריגן וואוקס, אַ דינער און אַ גלייכער ווי אַ סטרונע. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַן אײדעלן און אויף דער דינער שפּיציקער נאָז האָט ער געטראָגן אויגן־גלעזער איינגעפּאַסט אין גאָלדענע רעמלעך. פון אונטער די אויגן־גלעזער האָבן אַרויסגעפינקלט שאַרפע, קלוגע אויגן. דער רעדנער האָט אַרונטערגענומען די אויגן־גלעזער, זיי אַריינגעלייגט אין אַ לעדערנעם בייטעלע און דאָס בייטעלע האָט ער אַריינגערוקט אין דער אויבער־שטער קעשענע פון רעקל. אין דער צייט וואָס דער רעדנער האָט זיך רואיק באַשעפטיקט מיט זיינע אויגן־גלעזער, האָט ער געהערדט שטיל, זאַפטיג, מיט אַן אַנגענעמער, גרעבלעכער שטימע. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער קומט רעדן צו די פּאַריער, פּאַטשט מען אים, אָבער ער פילט זיך ווי אין דערהיים. דער עולם האָט געלאַכט. אָבער ווען ער קומט רעדן צו די באָסעס, פּאַטשט מען אים ניט, נאָר ער פילט זיך געשלאָגן. „וואָס טויג מיר אָבער אייער פּאַטשן״, האָט ער געזאָגט, „מאַכט בעסער אַ געזונטע יוניאָן, וועל איך אייך פּאַטשן בראַוואָ — און די באָסעס וועלן אונז אויפהערן שלאָגן.״

„אין דער צייט פון די וואַלן״, האָט ער זיך באַקלאָגט, „קומט פאַר דאָס אייגענע. איך רעד ביי גרויסע, ענטוזיאַסטישע פאַרזאַמלונ־גען און קריג הילכיגע אַפּלאָדיסמענטן, נאָר מיין געגנער, דער פאַר־שטייער פון די באָסעס, קריגט די שטימען אין עלעקשאַן־טאָג. ער זיצט אין קאָנגרעס און איך, אייער פאַרשטייער, זיץ אין דער היים.״

דער עולם האָט ווידער געלאַכט האַרציג. אָוורעמל האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען לאַכט. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז עס איז אַן ערנסטער און טרויעריגער ענין און מען טאָר ניט לאַכן וועגן דעם.

אָבער פלוצים האָט דער רעדנער אַ רעווע געטאָן:

„איר לאַכט? עס איז ניט קיין וויץ! שוין צייט, אַז די אַר־בעטער זאָלן זיך ערנסט באַציען צו דעם טרויעריגן אמת!“

זיין רואיגקייט איז פאַרשוואונדן. ער האָט געשאָסן זיינע ווער־טער אין עולם אַריין ווי הייסע קוילן פון אַ ביקס. אָוורעמל איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם רעדנער׳ס היציגע, קלוגע און זאַכלעכע רייד. ער האָט באַמערקט ווי זיין דינער און איידעלער פּנים איז גע־וואָרן רויט ווי פייער. זיין שטימע האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און האָט געדונערט מיט קראַפט. אָוורעמל איז געזעסן ווי היפּנאָטי־זירט. דעם רעדנער׳ס ווערטער האָבן אים געשטראָמט גלייך אין האַרצן און אין מוח אַריין. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן זיצן און הערן דעם רעדנער אַ גאַנצע נאַכט.

פּלוצים האָט דער רעדנער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ווייכער, לירישער שטימע. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז ניט ווייט די צייט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיין אָרגאַניזירט און וועט אַריינ־נעמען דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט אין זיינע הענט און וועט אָפּ־שאַפן שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע, וועט מאַכן אַ סוף צו בלוטיגע מלחמות און וועט איינפירן אַ וועלט פון יושר, גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט, קולטור, פרידן און פּראָגרעס, אַ וועלט פון סאָציאַליזם.

ווען דער רעדנער האָט געענדיגט, האָט דער זאַל אויפ־געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן. אָוורעמל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף און האָט מיט דעם גאַנצן כּוח געפּאַטשט מיט די הענט. זיין פּאַטשעריי האָט געהילכט איבער דעם גאַנצן זאַל.

ווען ער איז אַרויס פון זאַל, האָט ער דערפילט, אַז זיינע גלידער זיינען אָנגעפילט מיט ריזיגער קראַפט. ער האָט געפילט, אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט וואָס. ער האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט אַזאַ גרינגקייט און דירעוודיגקייט, ווי ער וואָלט געשוועבט אין דער לופטן. די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, די הויכע הייזער, וואָס האָבן ביי אים שטענדיג אויסגעזען ווי מצבות, דער טומל אין גאַס, וואָס איז אים שטענדיג געווען דער־

ווידער, זיינען אים פּלוצים געוואָרן היימיש און פריינטלעך. די מענטשן אויף דער גאַס האָבן אים אויסגעזען ווי אַלטע, גוטע באַקאַנטע.

איצט האָט שוין אַוורעמל פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער קלוגער מאָריס האָט אים איינגעלאַדן צום מיטינג, פאַרוואָס ער האָט אים גע׳עצה׳ט זיך אַנצושליסן אין דער יוניאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאָריס׳עס ווערטער: „איר דאַרפט געפינען דעם וועג צום אַמעריקאַנער לעבן.“ ער האָט גערעדט צו זיך אַליין, ניט באַמערקנדיק ווי די פאַרבייגייענדיגע מענטשן קוקן אויף אים און שמייכלען: „אַ דאַנק דיר, מיין פריינט מאָריס, אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געוויזן דעם וועג.“ ערשט איצט האָט ער ריכטיג באַנומען מאָריס׳עס רייד, אַז דער שמוציגער שאַפּ איז ניט אַמעריקע, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסע, שיינע אַמעריקע. ער האָט געטראַכט: ווי אַנדערש די אַרבעטער זעען אויס ביי די פאַרזאַמלונגען! גאַרניט ווי אין שאַפּ. דאָרט, אין שאַפּ, הערשט די מורא פאַר דעם באָס. יעדער יאָגט זיך צו מאַכן וואָס מער אַרבעט, ביי יעדן ליגט די אונטערטעניגקייט אויסגעשפּרייט אויפן פּנים. יעדער איז פאַר זיך, יעדער איז אַ טייל פון דער מאַשין. אָבער ביים מיטינג איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרט איז יעדער געווען אַ טייל פון דער גרויסער, פריילעכער און זאָרגלאָזער מאַסע, וואָס האָט געפיבערט מיט באַגייסטערונג און קראַפט. רייד, געפילן, באַגייסטערונג — ווי גוט די אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען דעם רעדנער! אויך ער האָט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט, כאָטש ער האָט נאָך אַזעלכע רייד קיינמאָל ניט געהערט.

אַלץ וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט איז אַוורעמל׳ען פאַרגעקומען אַזוי קלאָר, אַזוי איינפאַך. ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך מיט אַזאַ שטילער שפּאַנונג איינהערן אין דעם רעדנער׳ס ווערטער און אים אַזוי הייס אַפּלאָדירן. ווי אַזוי איז דען מעגלעך ניט מסכים צו זיין מיט אַזעלכע רייד און מיט אַזאַ מענטשן? ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער אַליין איז פּלוצים, אין איין מאָמענט, געוואָרן אויס פרעמדער צווישן די אַרבעטער, זיין איינזאַמקייט איז

איינגאַנצן פֿאַרשוואונדן, ער איז געוואָרן ווי אַן אייגענער מענטש מיט די, וואָס זיינען געזעסן אַרום אים. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ מאָדנע וואַרעמקייט און נאָענטקייט צו אַלעמען. אים האָט זיך גע־וואָלט אויסשרייען זיין פֿרייד, נאָר צוזאַמען מיט די אַנדערע האָט ער אויסגעדריקט די פֿרייד דורך פּאַטשן מיט די הענט, און די אַפּלאָדיס־מענטן האָבן אים נאָך מער דערהויבן, נאָך מער באַ׳יום־טוב׳ט.

„אָט דאָס איז אַמעריקע!" — האָט ער געטראַכט. — „אָט דאָס האָט מאָריס געמיינט: אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען, יוניאָנס, פֿרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, סאָציאַליזם. וואונדערבאַר!" די מוסקולן האָבן זיך ביי אים אָנגעצויגן מיט אַ ריזיגער קראַפֿט. ער האָט גע־שפּירט, ווי דאָס בלוט שטראָמט האַסטיג אין זיינע אָדערן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען די ליכטיגע וועלט. אַלץ איז געווען ניי פֿאַר אים, גלייך ווי ער וואָלט דאָס דערזען צום ערשטן מאָל. איצט ווייסט ער, אַז אַמעריקע איז גאָרניט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט. איצט ערשט פֿאַרשטייט ער, וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט: אַמעריקע איז ניט נאָר אַ ניי לאַנד, נאָר אויך אַ פֿאַרזעצונג פֿון אַ גרויסן אָנהויב, וואָס וועט פֿירן צו ריזיגע געשעענישן. און אַלץ וועגדט זיך אָן די אַרבעטער!

אַוורעמל׳ס פֿאַרדראָס אויף אַמעריקע איז פֿאַרשוואונדן. פֿאַר־שוואונדן איז אויך זיין בענקשאַפֿט אַהיים, צום קליינעם שטעטל. ער האָט דערפֿילט, אַז אין דער נייער אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ נייער מענטש, גאָרניט דער אַוורעמל פֿון נעכטן.

מאָרגן, יאָ, מאָרגן אינדערפֿרי, האָט ער געטראַכט, וועט ער אין שאַפּ צוגיין צו מאָריס׳ן און אים זאָגן שטיל, אָבער פֿעסט: „מיסטער מאָריס, איך האָב זיך איבערגעבעטן מיט קאָלומבוס׳עס מדינה, איך האָב געפֿונען דעם וועג!"

2.

אַוורעמל איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין יוניאָן־טעטיקייטן מיט לייב און לעבן. זיינע פערזענלעכע פראָבלעמען האָבן פאַרלאָרן זייער פריערדיגע שאַרפקייט און זיינען געוואָרן ניט־וויכטיג. זיין פערזענלעך לעבן איז זיך צונויפ־געוואַקסן מיט דעם לעבן פון די מאַסן. ער האָט מער ניט געבענקט אַהיים און אַפילו ניט געטראַכט פון זיין שטעטל. זיין גאַנצע יוגנט האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ צופעליגער, פרעמדער טייל פון זיין לעבן. ער האָט געשמייכלט ווען ער האָט זיך דערמאָנט וואָס מיט אים האָט פאַסירט אין דער היים.

איצט האָט ער געטרוימט ניט פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון דער צוקונפט, פון דעם שיינעם און פרייען לעבן, וואָס וועט באַגליקן די גאַנצע מענטשהייט. אין די יוניאָנס האָט ער געזען די זיילן פון דער נייער וועלט, וואָס פורעמט זיך שוין אויס, כאָטש אַנדערע באַמערקן דאָס נאָך ניט.

בלויז דער אינערלעכער קאַמף אין דער יוניאָן צווישן דער לינקער אָפאָזיציע און דער רעכטער פירערשאַפט האָט אים געערגערט און פאַרשאַטנט זיין ליכטיגע שטימונג. ער האָט ניט געקאָנט פאַר־ליידן די שאַרפע קריטיק, וואָס די לינקע באַנוצן אַנטקעגן די רעכטע יוניאָן־פירער, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט טיפן דרך־ארץ דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַרבעטער־פאַרשטייער. עס האָט אים וויי געטאָן, וואָס דער קאַמף צעטיילט די אַרבעטער אויף צוויי לאַגערן, צום שאָדן פון אַלעמען. עס האָט אים אויך פאַרדראָסן וואָס די רייסערייען צווישן די לינקע און די רעכטע ווערן אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט און שעדיגן דעם נאָמען פון די יוניאָנס. דעריבער איז ער געוואָרן אַ געגנער פון די לינקע און איז אָפן אַרויסגעטראָטן געגן זיי ביי

יעדער געלעגנהייט. דערפאַר האָבן אים די רעכטע יוניאָן־פירער דערנעענטערט. מיט זייער הילף איז ער דערוויילט געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע (אויספיר־קאָמיטעט) פון זיין לאָקאַל. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אמת׳ע פרייד. איצט, האָט ער געטראַכט, וועט ער האָבן גרעסערע מעגלעכקייטן צו העלפן פאַרווירקלעכן דעם הייליגן טרוים פון די אַרבעטער צו בויען די נייע און שיינע פרייע וועלט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיין ערשטע גרויסע אַרבעט וועט זיין צו פאַר־אייניגן די לינקע מיט די רעכטע אין דער יוניאָן און מאַכן אַ סוף צו דער קריגעריי, וואָס ווערט שאַרפער מיט יעדן טאָג און שטעלט די גאַנצע יוניאָן אין גרויס געפאַר.

זיינע האָפענונגען זיינען אָבער ניט מקוים געוואָרן. וואָס מער ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם לאַגער פון די רעכטע, אַלץ מער האָבן אים אָנגעהויבן פּלאָגן אַלערליי ספקות וועגן זייערע פירונ־גען און זייערע פּלענער. פריער, ווען ער איז געווען אין דרויסן און פון דערווייטנס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס די פירער טוען, איז שיין און גלאַנציג. אָבער ווען ער איז געוואָרן איינער פון די אינעווייניגסטע האָט ער דערזען פונקט דאָס פאַרקערטע.

ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס די יוניאָן־פירער האָבן ניט ליב די אַרבעטער. עס האָט אים שרעקלעך פאַרדראָסן, וואָס עטלעכע פירער ווייזן אָפן אַרויס זייער פיינטשאַפט צו אַרבעטער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די גלייכגילטיגקייט פון די יוניאָן־פירער צו די קריוודעס פון די אַרבעטער. זייער ציניזם האָט אים אויפגערעגט ביז ביטערקייט.

ביסלעכווייז האָט אָורעמל אויסגעפונען, אַז אונטערוועלט־מענטשן געוועלטיגן אין דער יוניאָן; אַז אַ סך שעפער ווערן באַשיצט פון פשוט׳ע באַנדיטן, גענגסטערס; אַז די יוניאָן־פירער וואָגן אַפילו ניט אַריינצוגיין אין די „באַשיצטע״ שעפער, כאָטש די באַדינגונגען פון די אַרבעטער זיינען דאָרט זייער שלעכטע. ער האָט זיך איבער־צייגט, אַז געוויסע יוניאָן־פירער זיינען פשוט ניט ערלעך. ער האָט געוואוסט, אַז אין אָפּיס הערשט אַ סיסטעם פון קאָרופּציע. ער האָט

אויסגעפונען, אַז יוניאָן־פירער האָבן „אָפּגעשפּאָרט״ געגוג געלט פון זייערע סטרייק־אויסגאַבן צו „גיין אין ביזנעס״ באַלד נאָך דעם סטרייק. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די יוניאָן־פירער זיינען אינ־גאַנצן ניט פאַראינטערעסירט אין די אַרבעטער, אין זייערע שטרעבונגען און אידעאַלן.

די אַלע זאַכן האָט אַוורעמל האַלב געוואוסט און האַלב פאַר־דעכטיגט, ביז יענעם שרעקלעכן אָוונט, וואָס האָט אים געטראָפן ווי אַ דונער און געמאַכט אַן איבערבראָך אין זיין לעבן.

אין אָפיס איז מען געווען שטאַרק אומרואיג וועגן דער רייסעריי צווישן די „באָיעס״, די יונגען, הייסט עס. אַזוי האָט מען גערופן די שלעגער און באַנדיטן פון די צוויי גענגס, וואָס האָבן ביידע געאַרבעט פאַר די רעכטע. צווישן די צוויי גענגס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קריגעריי, וואָס האָט געפירט צו אָפטע געשלעגן. די אַרבעטער האָבן גערעדט וועגן דעם מיט שפּאָט און פאַראַכטונג.

— ס'וועט זיך אויספּרעסן, — האָבן פאַריערס געזאָגט, — די גענגסטערס זיינען דאָך עפּעס אייגענע מענטשן.

און אַנדערע האָבן, מיט ביטערן שפּאָס, זיך אָנגענומען די קריוודע פון די גענגסטערס:

— די באָיעס זיינען גערעכט. די פירער האַלטן זיך דאָך מיטן כח פון די גענגס, טאָ זאָלן זיי אָפּשטעקן די פאָר טולער. וואָס־זשע, די גענג אין אָפיס דאַרף קריגן אַלץ און די אַנדערע גענגס גאָרניט? ווילסט האָבן געטרייע באָיעס, טאָ באַצאָל.

די לאַגע האָט אָנגעהויבן ווערן ערנסט. די געשלעגן צווישן די באָיעס זיינען געוואָרן אַן אָפענער סקאַנדאַל. עס זיינען פאָרגעקומען בלוטיגע געשלעגן אין גאַס, אין מיטן העלן טאָג, און הונדערטער אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס, וואו עס געפינט זיך די בירזשע פון די פאַריער, האָבן צוגעזען די געשלעגן צווישן די גענגסטערס. איינמאָל האָט דאָרט איין גענגסטער געשאָסן אַ צווייטן. די נייעס האָט זיך צעטראָגן איבער די שעפער. די אַרבעטער האָבן זיך ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ דערפון.

— זאָלן זיי זיך אויסקוילעגעמ אײנע די אַנדערע, װעלן מיר פון זיי פּטור װערן, — האָט מען גערעדט אין די שעפּער. — זיי האָבן גענוג אַרבעטער־בלוט פאַרגאָסן. איצט, אַז זיי ממית׳ן אײנע די אַנדערע, װעלן זיי אפשר לאָזן די אַרבעטער צורו.

די הױפּט יוניאָן־פירער האָבן זיך דערשראָקן. דערשראָקן האָבן זיך אויך די פירער פון אַנדערע יוניאָנס אין דעם רעכטן לאַגער, װאו „באָיעס" זײנען געװען אַן אָנשפּאַר פאַר דער פירערשאַפט. עס האָבן גענומען קלינגען טעלעפאָנען, מ׳האָט גענומען אָפּהאַלטן קאָנפערענצן.

ענדלעך האָט דער טשיף (הױפּט) פון דער „שטאַרקער גװאַרדיע", אַ פעטער פאַרשױן װי אַ פאַס, מיט אַ פעט אָנגעבלאָזענעם פּנים, פאַררופן אַ מיטינג פון די באָיעס צו פאַרלאַטן דעם ריס. אָװרעמל איז געװען אײנער פון די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיװע, װאָס איז אויך אײנגעלאַדן געװאָרן צום מיטינג. דער טשיף האָט געעפנט דעם מיטינג מיט אַ רעדע. ער האָט געזאָגט:

— באָיעס, אַזוי קאָן עס ניט אָנגײן. דער סוף װעט זײן, אַז מיר װעלן אַלע פאַרפאַקט װערן אין פּריזאָן (געפענגעניש) און די לינקע און קאָמוניסטישע בעסטאַרדס (אױסװאָורפן) װעלן פאַרכאַפּן די יוניאָן. איך האָב אײנגעלאַדן אַלע באָיעס פון בײדע געגנס און אויך עטלעכע עקזעקוטיװע מעמבערס (מיטגלידער), אײנמאָל פאַר אַלע מאָל אויס־צו סטרעיטן (אויסגלײכן). פון דאַון־טאַון (פון צענטער) האָט מען געלאָזט װיסן, אַז מיר מוזן דאָס אויססטרעיטן. איר פאַרשטײט? דאָס אַלץ װאָס איך האָב צו זאָגן. איצט קאָנט איר רעדן. אָבער מיט די מײלער, באָיעס, ניט מיט די פויסטן.

עטלעכע געזונטע יונגען האָבן אָנגעהויבן רעדן מיטאַמאָל.

דער טשיף, װאָס איז געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט גע־קלאַפּט מיט דעם האַמער אויף דעם טיש און געשריען: „סיט־דאַון! (זעצט זיך אַװעק!). מע װעט רעדן אײנציקװײז, װי בײ אַ רעגולערן יוניאָן־מיטינג. סיט־דאַון!"

ווען אַלע האָבן ווידער פאַרנומען זייערע פּלעצער, האָט דער טשיף מיט צופרידנהייט געזאָגט:

— אָ־קעי (גוט), באָיעס. איצט, ווער וויל דעם פלאָר? (ווער וויל זיך מעלדן צום וואָרט?).

צוויי יונגען, וואָס זיינען געזעסן אין באַזונדערע רייען צווישן זייערע אייגענע באָיעס, בולעט־פּרוף טשיקי (טשיקי, וואָס קיין קויל נעמט אים ניט), אַ קורצער, ברייט־ביינערדיגער חברה־מאַן מיט קליינע גרינע אויגעלעך, און סעמקע די בייבי (דאָס קינד), אַ בחור אַ ריז מיט ברייטע פּלייצעס, מיט צוויי לאַנגע הענט ווי אייזערנע שטאַנגען, — האָבןביידע מיטאַמאָל אויסגעשריען, אַז זיי ווילן דעם פלאָר, און זיינען ביידע געשטאַנען אויף די פיס. זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט מיט מעסערדיגע בליקן.

דער טשיף האָט זיך פאַרלאָרן. זיינע אויגן האָבן געוואַנדערט פון בולעט־פּרוף טשיקי צו סעמקע די בייבי און צוריק צו טשיקי׳ן, און ניט געקאָנט באַשליסן, ווער עס זאָל רעדן צו־ערשט.

— העי, עלעקס, — האָבן באָיעס געשריען, — נאָ פּאָליטיקס! (קיינע פּאָליטיק!) — זאָל די בייבי רעדן!

— אַ מכה פאַרן ווילן, — האָבן אַנדערע געשריען, — בולעט־פּרוף וועט ר׳עדן דער ערשטער.

— שאַראַפּ! (פאַרמאַך דעם פּיסק!) — האָבן אַ צענדליג שטימען אַ רעווע געטאָן מיטאַמאָל. עס האָט אויסגעבראָכן אַ טומל. האַלב פון די פאַרזאַמלטע זיינען געשטאַנען אויף די פיס גרייט צום געשלעג.

דער טשיף האָט געקלאַפּט מיט דעם האַמער און געשריען: „סיט דאַון, אָרדער, קוואַיעט באָיעס, נאָ פאַיטס!“ (זעצט זיך אַוועק, אָרדענונג, רואיג באָיעס, קיינע געשלעגן!).

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט דער טשיף אָפּגעווישט זיין פעט אָנגעבלאָזן פּנים, וואָס איז געווען רויט און פאַרשוויצט, און געזאָגט:

— די לינקע בעסטאַרדס פירן זיך אויף ביי זייערע מיטינגען בעסער ווי מיר.

— העי, דו, פריידיג אונז ניט קיין מאָראַל! — האָט איינער פון

די באַיעס אויסגעשריגן. — נעם און באַשליס בעסער ווער עס זאָל רעדן צום ערשטן און סטאָפּ לעקטשורן! (הער אויף האַלטן לעקציעס).

— דאַט'ס ראַיט! (ריכטיג!) — האָבן אַנדערע צוגעשטימט.

דער טשיף האָט אַ ווייל געשוויגן. ענדלעך האָט ער אַרויסגעגעבן זיין אַנטשיידונג:

— איך וועל וואַרפן אַ מטבע: קאָפּ — וועט רעדן בולעט־פּרוף, טעיל (עק) — וועט רעדן די בייבי.

עס האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן.

אַוורעמל איז געזעסן אין אַ ווינקל און נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן און אויערן. אַזעלכעס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען.

דער טשיף האָט אַ וואָרף געטאָן אַ האַלבן דאָלער אין דער לופטן. עס איז געוואָרן שטיל. אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם פלי פון דער מטבע.

ווען דער האַלבער דאָלער איז געבליבן ליגן אויף דעם טיש, זיינען בולעט־פּרוף טשיקי און סעמקע די בייבי צוגעלאָפן צום טיש. זייערע קעפּ, צוזאַמען מיטן קאָפּ פון דעם טשיף, האָבן זיך אָנגעבויגן.

— טעיל! — האָט דער טשיף אויסגעשריגן. — די בייבי האָט דעם פלאָר.

די באַיעס, וואָס זיינען געזעסן אין דער רעכטער זייט, האָבן אַפּלאָדירט. די אַנדערע האָבן געבוקעט, געקוויטשעט און געמיאַוקעט ווי די קעץ. עטלעכע באַיעס האָבן דעם טשיף מכבד געווען מיט אַ גראָביאַנישן קלאַנג.

דער טשיף האָט געקלאַפּט מיט דעם האַמער.

ווען ס'איז שטיל געוואָרן, האָט סעמקע די בייבי אַ זאָג געטאָן:

— נאַו ליסען, וואַיז גאַיס (הערט נאָר אויס, איר קנאַקערס), — איך וועל רעדן וואָס איך וויל, אַפילו ווען איר וועט צערייסן אייערע קישקעס שרייענדיג! מיך בולדאָוזט מען ניט! (נעמט מען ניט אויף זיכער).

— ווער מען האָסטו געשאָסן? — האָט בולעט־פּרוף אויסגעשריען.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ פרישער טומל. „סיט־דאָון!‟, „שאַ־ראַפּ!‟, „קיק אים אַוט!‟ (וואַרפט אים אַרויס), „דו לויז!‟ און נאָך אַזעלכע אויסגעשרייען האָבן אַנגעפילט דעם קליינעם זאַל.

דער טשיף האָט געקלאַפּט מיטן האַמער. דער שוויס איז געררונען פון זיין רויטן אַנגעבלאָזענעם פּנים.

ענדלעך איז ווידער שטיל געוואָרן. דער טשיף האָט גערעדט:

— באָיעס, מיר מוזן אויסשטרעיטן היינט ביינאַכט. עס וועט ניט העלפן קיין קונצן. דאַון־טאַון האָט געהייסן אויסשטרעיטן. איר ווייסט, אַז דאַון־טאַון נעמט ניט קיין בלאָף (לאָזט זיך ניט נאַרן). אויב מיר וועלן אַליין ניט אויסשטרעיטן היינט ביינאַכט, וועט דאַון־טאַון אַרויפקומען אין אָפיס און אונז אויסקלינען (אויסראַמען). דאַט׳ס אָל! (דאָס אַלץ).

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט בולעט־פּרוף געפרעגט.

— פון וואַנען איך ווייס? — האָט דער טשיף איבערגעפרעגט מעכאַניש און געענטפערט קורץ און שאַרף:

— ביג גענגי (דער גרויסער גענגי) אַליין איז געווען אין אָפיס. ער האָט מיר דאָס געזאָגט. טאָף שלום (שלום דער שטאַרקער) האָט געהערט. אמת, טאָף? — האָט דער טשיף זיך געווענדט צו איינעם פון די באָיעס.

טאָף שלום האָט געענטפערט:

— דאַט׳ס ראַיט, עלעקס.

דער טשיף האָט ווייטער גערעדט:

— ביג גענגי האָט מיר געזאָגט, אַז דער באָס וויל ניט ליידן קיין ראָף סטאָף (געשלעגן) צווישן די באָיעס אין דער פּאַריערס יוניאָן. איצט פאַרשטייט איר שוין? דאַון־טאַון מיינט ביזנעס! (דער צענטער שפּאַסט ניט).

עס איז שטיל געוואָרן אין זאַל. דער מיטינג איז געבראַכט געוואָרן אונטער קאָנטראָל, ווי דורך אַ כישוף.

סעמקע די בייבי האָט גערעדט:

— מיר ווילן אויסטערעיטן, אָבער מיר ווילן אַ סקווער דיל (אָרענטלעכע באַהאַנדלונג), נאָ פעיוואָריטס (קיינע מיוחסים). מיר טוען די דוירטי וואָרק (שמוציגע אַרבעט) פונקט ווי טשיקי'ס גענג. מיר סטאָפּן (שטעלן אָפּ) שעפער, וואָס צאָלן ניט קיין דיוס. מיר כמאַליען די לינקע בעסטאַרדס ביי די מיטינגען. מיר ווילן פיפטי־פיפטי (גלייך אויף גלייך).

— מיר זיינען ניט קיין דאַמיס (יאָלדן), — האָט די בייבי זיך געווענדט צום טשיף. — כמעט אַלע קאָנטראַקטאָרס צאָלן. הונ־דערטער שעפער זיינען אונטער קאָנטראָל. זיי קריגן פּראָטעקשאָן (באַשיצונג) און באַצאָלן. רעגולערע איניניאיישאַנס (איינטריט־געלט) פון די קאַנדידאַטן, וואָס ווילן ווערן יוניאָן־מעמבערס, קומט אַריין יעדע וואָך. וואו ווערט פאַרשוואונדן דער צוקער? אייניגע יוניאָן־פירער קריגן אַ שניט (אַ חלק), אַ חוץ דעם וואָס זיי קריגן אַליין געננוג פון די באָסעס. ווען אַ באָי פאַלט אַריין אין טראָבל (אין אַ צרה) אָדער אַ באָי קומט אַרויס פון קולער (געפענגעניש) און מען דאַרף זיי העלפן, זאָגן מיר זיך ניט אָפּ. אַלע גיבן מיר גלייך. וועל, ווען עס קומט צום איינטיילן, ווילן מיר אויך גלייך אויף גלייך. און מיר ווילן אויך וויסן, — האָט די בייבי אויסגעשריען, — וויפיל מעזומע (מזומן) עס קומט אַריין. אַ סקווער דיל. נאָ מאָנקי ביזנעס! (קיינע פוילע שטיק). פאַרשטאַנען?

בולעט־פּרוף טשיקי איז אויפגעשפרונגען ווי געביסן פון אַ שלאַנג. זיין פנים איז געווען רויט ווי פייער. זיינע גרינע אויגן האָבן געברענט ווי ביי אַ טיגער. ער האָט אויסגעשריען:

— אויב עס געפעלט דיר ניט, בייבי, קאָנסטו גיין צוריק אין די פּימפּ (אַלפאָנז) ביזנעס, פון וואַנען ביזט געקומען.

— יו סקווילער! (דו מסור) — האָט די בייבי אַ רעווע געטאָן און האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט ביידע פויסטן אויף טשיקי'ן.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ ווילדער געשלעג. אַלע האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין איין מענטשן־קנויל. טעלעכע באַיעס זיינען געלעגן אויפן דיל. די בייבי איז געשטאַנען אין מיטן מענטשן־

קנויל און געקלאַפּט מיטביידע פויסטן איבער קעפּ, פּנימער און רוקנס.

— קאַפּס! (פּאָליציי) די קאַפּס קומען! — האָט דער טשיף אויסגעשריגן.

אין איין מינוט האָט דער געשלעג אויפגעהערט. ווי גוט־טרענירטע סאָלדאַטן האָבן די מערסטע פון די באָיעס פאַרנומען זייערע פּלעצער און מיט נערוועזע פינגער אויסגעגלעט זייערע האָר און קראַוואַטן. עטלעכע באָיעס זיינען געזעסן פאַררוקט אין די ווינקלען און געווישט מיט זייערע טאַשן־טיכלעך דאָס בלוט פון זייערע נעזער. אַן אַנגעשטרענגטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם קליינעם זאַל.

דער טשיף איז אַרויס פון זאַל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען און האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אויבן־אָן.

— וועל, באָיעס, ווי עס ווייזט אויס וועט דאַון־טאַון מוזן אויס־סטרעיטן. איר פירט זיך אויף ווי לערן־אינגלעך, ניט ווי אָרגאַני־זיישאָן־באָיעס.

— זאָל דאַון־טאַון אויססטרעיטן, איך וועל סיי־ווי אויס־סטרעיטן מיט טשיקי׳ן אין דרויסן, — האָט די בייבי געזאָגט קריגעריש.

— איך האָב גרעסערע פון דיר אָנגעפילט מיט בליי, — האָט בולעט־פּרוף טשיקי רואיג געענטפערט סעמקע׳ן.

— אָ, יע? — האָט סעמקע די בייבי מיט קריגערישן סאַרקאַזם אַ פרעג געטאָן טשיקי׳ן.

— קום אַרויס אין גאַס, דו ביליגער נפש, וועל איך דיר לאָזן וויסן, — האָט טשיקי געענטפערט מיט כעס.

— צי! דו מויל־העלד! — האָט סאַמקע די בייבי אַרויסגערופן טשיקי׳ן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרפלאָכטן די הענט אַרום זיין ברוסט און נאָכאַמאָל אויסגערופן: — נו, צי, דו וואַנץ!

טשיקי האָט זיך רואיג אויפגעהויבן פון בענקל. זיין מויל האָט

„אָ־קעי, באָיעס, ווער וויל דעם פלאָר?" — האָט דער טשערמאַן געפרעגט.

זיך אויסגעקרימט אין אַ זייט. זיינע גרינע אויגן האָבן געשאָסן מיט גאַליגער פֿאַראַכטונג.

די באַיעס זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן פֿון שרעק. אוורעמל האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט ניט געגלויבט, אַז ער איז וואַך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ בייזער חלום.

— טשיקי! — האָט דער טשיף אַ געשריי געטאָן. טשיקי האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צום טשיף. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צום טשיף.

צוויי רעוואָלווערן האָבן געפינקלט אין ביידע הענט פֿון דעם טשיף. ער איז אַרונטער פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע, האָט געמאַכט עטלעכע קורצע און געמאָסטענע טריט, ניט אַראָפּנעמענדיג זיינע אויגן פֿון טשיקי׳ן.

— הויב זיי אויף, טשיקי! איך מיין ביזנעס, — האָט דער טשיף רואיג און געשעפֿטסמעסיג געזאָגט.

טשיקי האָט געפֿאָלגט און אויפֿגעהויבן די הענט. ער האָט גע־וואוסט פֿון דערפֿאַרונג, אַז ווען דער טשיף ציט זיינע שיסערס, נוצט ער זיי.

— סיט דאַון, בייבי, און שאַראַפּ! — האָט דער טשיף באַפֿוילן אין דעם זעלבן רואיגן און זאַכלעכן טאָן. סעמקע די בייבי האָט זיך אוועקגעזעצט.

— שלום! — האָט דער טשיף אַ רוף געטאָן.

— יעס, עלעקס, — האָט טאַף שלום אונטערטעניג געענטפֿערט.

— ליידיג אויס טשיקי׳ס קעשענעס.

טאַף שלום, דעם טשיפֿ׳ס רעכטע האַנט, איז צוגעגאַנגען צו טשיקי׳ן, אַרומגעטאַפּט זיינע קעשענעס און אַרויסגעשלעפּט פֿון זיין בוזעם־קעשענע אַ רעוואָלווער. ער האָט אַריינגעלייגט דעם רעוואָל־ווער אין איינער פֿון זיינע הינטערשטע הויזן־קעשענעס און איז רואיג צוריקגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ.

— טשיקי, — האָט דער טשיף געזאָגט מיט אַ האַרטער שטימע.

— איך האָב דיר פֿאַרזאָגט, זאָלסט קומען צום מיטינג אָן אַ ראַד

(רעוואָלווער). פאַרוואָס האָסטו ניט געפאָלגט? ביזט אַן אָרגאַניזיי־שאָן־באָי, צי דו נעמסט דאָס געזעץ אין דיינע אייגענע הענט?

טשיקי האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר דער טשיף, וואָס איז גע־שטאַנען האַרט לעבן אים, האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט זיין שווערן פוס אין בויך אַריין. טשיקי איז אַריינגעפאַלן אין בענקל, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים.

קיינער האָט ניט געוואָגט זיך אַ ריר צו טאָן.

— און איצט, הערט אויס, איר לויזיגע חדר־אינגלעך! — האָט דער טשיף געזאָגט, האַלטנדיג ביידע רעוואָלווערן אין זיינע הענט. — איר וועט נעמען אָרדערס פון דאַון־טאַון, אָדער איר קאָנט שוין באַ־שטעלן אייערע קברים אויף דער סעמעטעריז. אַנדערסטענד? (פאַר־שטאַנען?). מאָרגן וועט איר אַלע קומען אין אָפיס, גלייך ווי עס האָט גאָרניט פּאַסירט. איר פאַרשטייט, וואָס איך רעד צו אייך? ביג גענגי אַליין וועט אויסטרעיטן אַלע אַרגומענטס. אָ־קעי?

— אָ־קעי! — האָבן אַלע אויסגעשריען מיט צופרידנהייט.

דער טשיף האָט באַפוילן, אַז אַלע די וואָס וועלן מאָרגן קומען אין אָפיס זאָלן געבן דעם צייכן. אַלע אָן אויסנאָם האָבן אויפגעהויבן די הענט.

— און איצט, — האָט דער טשיף באַפוילן, — טשיקי און סעמי, שעיק הענדס! (דערלאַנגט זיך די הענט) ווי רעגעלע (אמת׳ע) באָיעס!

זיי האָבן ביידע געפאָלגט. די אַנדערע באָיעס האָבן אַפּלאָדירט און געלאַכט.

דער טשיף האָט אַריינגעלייגט די רעוואָלווערן אין זיינע הינ־טערשטע הויזן־קעשענעס, האָט אַרויסגענומען זיין טאַשן־טיכל און אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין פעטן פנים.

— איצט, באָיעס, גייען מיר אַלע צום אַנקל אַ לעב טאָן. אָבער געדענקט, האַלט אייערע מיילער געשלאָסן.

די באָיעס האָבן געדריקט די האַנט פון דעם טשיף.

— אַ פֿיינעם דזשאָב (שטיקל אַרבעט) האָסטו געמאַכט, טשיף, — האָבן זיי אים געלויבט. דער טשיף האָט צופֿרידן געשמייכלט.

אוורעמל איז ניט געגאַנגען מיט די באָיעס אַ לעב טאָן. ער איז געגאַנגען אַהיים. ער איז געווען געפּלעפּט און צעוויטאָגט. ער האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך פֿון דערשטוינונג, פֿון עקל. ער האָט לייכט געפֿיבערט. ער האָט געפֿילט ווי מען וואָלט אים פּלוצים פֿאַר־ראַטן, באַ׳גנב׳עט און באַשפּיגן; אויסגעליידיקט זיין גאַנצן אינעווייניג.

„טשיקי, די בייבי, טאָף שלום״, האָט ער גערעדט צו זיך. „פֿוי! דאָס איז דאָך שרעקלעך! ס׳איז דאָך אוממעגלעך! ס׳איז דאָך די אונטערוועלט! ווי קומען זיי אין אַן אַרבעטער־יוניאָן? גוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ? וואו בין איך? וואָס טוט מען?״ האָט אַוורעמל געפֿיבערט.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט דאָס ניט אַריבערטראָגן.



3.

אַורעמל׳ען איז געוואָרן ענג אין דער יוניאָן. אַנשטאָט דעם פריערדיגן דרך־ארץ, איז ער איצט געוועזן דורכגעדרונגען מיט פאַר־אַכטונג צו דער יוניאָן־פּירערשאַפט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון די יוניאָן־טעטיגקייטן און האָט אָפּגעשניטן אַלע פאַרבינדונגען מיט זיינע יוניאָן־פריינט.

ער האָט אָבער ניט געקאָנט לעבן אָן דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָן יוניאָן־טעטיגקייטן איז זיין לעבן געוואָרן פּוסט און צוועקלאָז. קיין אַנדערן אינטערעס אין לעבן האָט ער ניט געקאָנט געפינען. צוריקגיין אין דער יוניאָן איז אָבער פאַר אים געווען אוממעגלעך. דאָס בילד פון דעם מיטינג מיט די באַיעס איז אים שטענדיג גע־שטאַנען פאַר די אויגן. שווייגן וועגן דעם שרעקלעכן צושטאַנד אין דער יוניאָן האָט ער אויך ניט געקאָנט. אָבער וואָס צו טאָן אויף צו ראַטעווען די יוניאָן האָט ער ניט געוואוסט.

ער האָט באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט זיין אַלטן פריינט מאָריס. ער איז געווען זיכער, אַז אויך איצט וועט אים דער קלוגער מאָריס העלפן און אים וויזן דעם ריכטיגן וועג.

מאָריס איז שוין געווען אַ פאַבריקאַנט. פון זינט יענער איז „אַריין אין ביזנעס״, האָט אַורעמל זיך זעלטן באַגעגנט מיט אים, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז מאָריס איז אַ וויכטיגער מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איצט האָט ער באַשלאָסן אים אָפּ־צושטאַטן אַ וויזיט.

מאָריס האָט אַורעמל׳ען אויפגענומען גאָר פריינטלעך. ער האָט אים געוויזן זיין שאָפּ, האָט זיך באַרימט, אַז ער האַלט אָן אַ כשר׳ן יוניאָן־שאָפּ און האָט דעם גאַסט אַריינגעפירט אין זיין פּריוואַטן אָפיס און פאַרפירט מיט אים אַ לאַנגן שמועס.

— אַורעמל, — האָט מאָריס געזאָגט, — איך בין אַ באָס, אָבער איך גלויב נאָך אַלץ אין סאָציאַליזם. איך בין נאָך אַלץ אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. סאָציאַליזם איז אַ שיינער טרוים, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָר אַרום. פּראַקטישע מענטשן קאָנען ניט וואַרטן אויף דעם סאָציאַליזם.

מאָריס האָט באַמערקט אַורעמל׳ס קרומע מינע און ווייטער גערעדט:

— איך בין געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג אַלע מיינע יונגע יאָרן. איך האָב מיינס אָפּגעטאָן. כ׳האָב גענוג געשקלאָפּט פאַר יענעם. איצט שאַפן אַנדערע פּראָפיט פאַר מיר. איך בין אַ דערפאָלג־רייכער ביזנעסמאַן. איך מאַך געלט. איך לעב באַקוועם. אָבער איך בין אויך אַ גוטער סאָציאַליסט. איינס שליסט ניט אויס דאָס צווייטע. אַלע פּראַקטישע סאָציאַליסטן זיינען אויך דערפאָלגרייכע געשעפטס־מענטשן.

אַורעמל האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער ענדיגן דעם שמועס. אָבער מאָריס האָט ניט אויפגעהערט צו דאַרשענען:

— וועסט עלטער ווערן, אַורעמל, וועסטו אויך מיד ווערן. וועסט ווערן פּראַקטישער און אויך גיין אין ביזנעס. וועסט לעבן באַקוועם, און איך האָף, אַז דו וועסט בלייבן געטריי דיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן, פּונקט ווי מיר אַלע עלטערע סאָציאַליסטן.

— נו, דאָס, מאָריס, וועלן מיר זען שפּעטער, — האָט אַורעמל געענטפערט מיט היבשן אומגעדולד. — דערווייל טראַכט איך וועגן עפּעס אַנדערש און ניט וועגן ביזנעס.

ער האָט זיך גיך געזעגנט מיט מאָריס׳ן און איז אַוועק. פאַר־שטייט זיך, אַז ער האָט נאָך אַזאַ דרשה ניט געקאָנט זאָגן מאָריס׳ן צוליב וואָס ער איז געקומען. מאָריס׳עס פילאָזאָפיע האָט אים גע־עקלט און אויך געשראָקן. „איז דאָס טאַקע דער טרויעריגער סוף פון אַלע סאָציאַליסטן?״ — האָט ער געטראַכט.

איצט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין פאַרוואָס די יוניאָן־פירער האָבן מער רעספּעקט פאַר די באָסעס ווי פאַר די אַרבעטער, פאַרוואָס זיי זיינען פריינטלעכער מיט די באָסעס ווי מיט די יוניאָן־מיטגלידער. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז כמעט אַלע יוניאָן־פירער, מיט וועמען ער איז נאָענט באַקאַנט, זיינען צוקונפטיקע געשעפטס־מענטשן און זיינען בלויז צייטווייליקע יוניאָן־פירער. דערפאַר איז זייער באַציאונג צו די אַרבעטער, צו די יוניאָנס, און צו די פּראָבלעמען פון די אַרבעטער אַזאַ גלייכגילטיקע און ציניש. דערפאַר האַלטן זיי יעדן ערלעכן, אידעאַליסטישן יוניאָן־מיטגליד פאַר אַ נאַאיוון טרוימער. מיט אַזאַ באַציאונג צו דער יוניאָן און צו די אַרבעטער, האָט ער געטראַכט, איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס עס איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ סיסטעם פון קאָרופּציע אין דער יוניאָן־פירערשאַפט.

אויך האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער קאַמף צווישן די לינקע און רעכטע איז אַזוי שאַרף און אָפטמאָל אַזוי פאַרביטערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די שאַרפע רייד פון די לינקע געגן די יוניאָן־פירער און האָט צו זיך געזאָגט: „אַוודאי זיינען זיי גערעכט. נאָך ווי גערעכט!"

נאָך דעם וויזיט ביי מאָריס'ן האָט אַורעמל זיך אָנגעהויבן פריינטלען מיט די לינקע, געשמועסט מיט זיי חבר'יש, אָן פאַראורטייל. ווען די לינקע האָבן אים איינגעלאַדן צו אַ מיטינג פון זייער גרופּע, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען.

ביים מיטינג פון דער לינקער גרופּע האָט אַורעמל אויפגעלעבט. די לינקע האָבן גערעדט אויף זיין שפּראַך. זיי האָבן קלאָר און שאַרף אויסגעדריקט די זעלבע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געמאַטערט. ער איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער חבר'ישער, וואַרעמער אַטמאָספערע, וואָס האָט דאָרט געהערשט. אים איז געפעלן געוואָרן זייער ענטוזיאַזם, זייער טיפער צוטרוי צו די מאַסן און צו די פירער פון דער „טרעיד־יוניאָן עדיוקיישאַנאַל ליג" און פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער איז געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט זייער פּראָגראַם.

אַורעמל איז געוואָרן אַ לינקער. ער האָט זיך ווידער אַריינ־

געוואָרפן אין יוניאָן־טעטיגקייטן, אָבער איצט האָט ער געפילט, אַז ער האָט אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס. דאָס לעבן איז ווידער געוואָרן אינטערעסאַנט. ווידער האָט ער דערפילט, אַז זיינע פערזענלעכע פּראָבלעמען ווערן אויפגעלייזט אין די פּראָבלעמען פון דעם כלל, פון זיין קלאַס. דער וועג איז געווען אָנגעצייכנט און דער ציל — קלאָר.

מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פון די לינקע געגן דער קאָרופּטער פירערשאַפט פון זיין יוניאָן און פון אַנדערע יוניאָנס. יעדער געווינס האָט אים באַגייסטערט און אָנגערעגט צום ווייטערדיקן קאַמף. ער האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט אַנטדעקט אַ נייע, רייכע וועלט, זיין וועלט.



4.

פון דעם ערשטן טאָג ווי די פּאַריערס האָבן דערוויילט אַ לינקע יוניאָן־אַדמיניסטראַציע, האָבן די רעכטע יוניאָן־באַאַמטע פון אַלע נאָדל־פאַכן זיך אַנגעלייגט אויף דער פּאַריערס יוניאָן. מיט דער הילף פון זייער ברייט־פאַרשפּרייטער טעגלעכער אידישער צייטונג האָבן זיי געהאַלטן אין איין אַנגרייפן די נייע פירערשאַפט פון דער יוניאָן און אויסגעטראַכט אויף איר כל׳ערליי בלבולים. די רעכטע מיט זייער צייטונג האָבן זיך אַנגעגעבן פאַר סאָציאַליסטן און פריינט פון די אַרבעטער, אָבער פאַר אָורעמל׳ען איז שוין איצט געווען קלאָר, אַז זיי זיינען ניט אויסן די טובה פון די אַרבעטער, נאָר זייערע אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסן. אַט־די הפקר׳דיגע אַנגריפן אויף דער יוניאָן האָבן אָורעמל׳ען נאָך מער איבערצייגט, אַז די אָנפירער פון דעם רעכטן לאַגער זיינען אין דער אמת׳ן פאַרבינדעטע פון די באַלע־באַטים, וואָס זיינען אויסן איינגאַנצן צו צעברעכן די יוניאָן.

דער גענעראַל־סטרייק, וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגערופן, האָט דאָס פאַר אָורעמל׳ען באַשטעטיגט אויסער יעדן צווייפל. ער האָט געזען, ווי די באָסעס, די גענגסטער, די פּאָליציי און די רעכטע, כלומרשט־סאָציאַליסטישע פירער אַרבעטן האַנט אין האַנט צו ברעכן דעם סטרייק.

אין דעם סטרייק האָט זיך אָורעמל אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן אימפּעט. ער איז געווען איינער פון די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק־קאָמיטעט, וואו אַ היבשע גרופּע האָט אים באַטראַכט ווי זייער פירער. אַנדערע, וואָס האָבן ניט געהערט צו יענער גרופּע, האָבן פאַר אים אויך געהאַט גרויס דרך־ארץ. צווישן

די מאַסן סטרייקער איז ער געווען באַליבט. אין דעם סטרייק־קאָמיטעט האָט ער אויף זיך גענומען די שווערסטע אויפגאַבן. ער האָט ניט געוואוסט פון קיין שרעק און האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין רו. דער סטרייק האָט אים פאַרשלונגען טאָג און נאַכט.

איינמאָל האָט אים דער פאָרזיצער פון דעם „פיקעטינג״־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט וועגן באַוואַכן די שעפּער און ניט דערלאָזן, אַז סטרייק־ברעכער זאָלן פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקערס, פאַרטרויט אַ וויכטיגע מיסיע. דער קאָמיטעט האָט גע־קראָגן אינפאָרמאַציע, אַז אין אַ געוויסן הויז, ווייט פון שאַפּ־צענטער, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געהיימער שאַפּ, וואו סטרייקברעכער אָדער „סקעבס״ האָבן געאַרבעט. אַוורעמל האָט געדאַרפט אויס־געפינען ווער די סקעבס זיינען און זיי ברענגען צום סטרייק־קאָמיטעט.

צוזאַמען מיט אַ גרופּע סטרייקערס אָדער „קאָמיטע״ האָט ער געהיט דאָס הויז עטלעכע נעכט. אָבער די געגנט איז געווען אַ שטילע און איז ניט געווען גערדיכט באַוואוינט. די קאָמיטע האָט אַרויסגערופן אַ חשד, און פון יענעם הויז איז קיינער ניט אַרויסגעקומען און קיינער איז אַהין ניט אַריינגעגאַנגען. עס איז געווען קלאָר, אַז אין הויז האָט מען באַמערקט די קאָמיטע. האָט אַוורעמל צוריקגעצויגן די וואַך אויף איין נאַכט מיט דער פאַרשטענדיגונג, אַז שפּעטער זאָל בלויז איינער פון דער קאָמיטע היטן דאָס הויז, ווייל איינער וועט ניט אַרויסרופן קיין חשד, און עס וועט אים זיין גרינגער זיך אויס־צובאַהאַלטן פון די סקעבס, וואָס היטן זיך פאַר פרעמדע.

אַוורעמל האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע. יענע נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן. די גאַס איז געווען פינצטער און פאַרלאָזט. מען האָט ניט געזען קיין מענטשן דורכגיין. די פענצטער פון ביידע רייען פּריוואַטע הייזער זיינען געווען פינצטער.

איז אַוורעמל שטילערהייט אַרויף אויף דעם גאַניק פון יענעם הויז, האָט שטיל געעפנט אַ פענצטער און איז אַריין אינעווייניג. פון דעם פאָדערשטן צימער איז ער אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין

דעם קליינעם קאָרידאָר, וואו עס האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. אויף דער רעכטער זייט פון קאָרידאָר זיינען געווען די טרעפּ, האַרט צוגעטוליעט צו דער וואַנט. די לעצטע רייע טרעפּ אין ווינקל האָט געפירט צום קעלער, וואו עס איז געווען ליכטיג. מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם איז ער שטילערהייט אַרונטער אין קעלער. אויף דער לעצטער טרעפּ איז ער געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט. אין קעלער איז געווען אַ שאַפּ. מאַשינען זיינען געשטאַנען אין מיטן קעלער. אויף דעם צעמענטענעם דיל זיינען געווען אַנגעוואָרפן פאַר־שיידענע מינים פּוטער. קיין אַרבעטער זיינען דאָרט ניט געווען. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש. לעבן טיש איז געשטאַנען אַ קאַטער און האָט געשניטן. די קליינע פענצטערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין הינטער־הויף, זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט דיקן שוואַרצן געוואַנט.

דער קאַטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש און געשניטן, איז געווען אַוורעמל׳ס אַמאָליגער אַלטער פריינט, דער „סאָציאַליסט“ מאָריס. אַ מידער, אַ פאַרשלאָפענער, איז ער געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט און האָט ניט געהערט ווי אימיצער איז אַריין אין קעלער. אַוורעמל האָט אַ הוסט געטאָן. מאָריס האָט אויפגעציטערט. זיין מעסער איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט. ער האָט זיך האַסטיג אַ דריי געטאָן אין דער ריכטונג פון וואַנען ס׳איז געקומען דער הוסט. אַוורעמל איז שוין געשטאַנען האַרט לעבן אים. מאָריס איז געווען שרעקלעך בלאַס.

— דו, אַוורעמל? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט. — וואָס טוסטו דאָ?

מיט אַ רואיגן, טרוקענעם טאָן האָט אַוורעמל געענטפערט:

— די יוניאָן האָט מיך געשיקט אַהער, און איך פאָדער פון אייך איר זאָלט מיט מיר גיין אין יוניאָן־אָפיס.

מאָריס האָט צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, פאַרזונקען דעם פּנים איןביידע הענט, און געוויינט אויפן

קול. ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיגט, האָט ער דערציילט אוורעמל׳ען, אַז ער האָט באַנקראָטירט. זיינע קרעדיטאָרן האָבן אים אַרעסטירט אויף אַ קלאַגע פון אַרויסשווינדלען ביי זיי סחורה. מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן זיך אַרויסצוראַטעווען פון געפענגעניש. ער האָט „געסעטלט״, דאָס הייסט דורכגעקומען מיט זיינע קרעדיטאָרן אין געריכט און ער מוז אַריינטראָגן וועכנטלעכע צאָלונגען, ווי דער ריכטער האָט באַשטימט. אויב ער צאָלט ניט, וועט ער פאַרשפּאַרט ווערן אין פּריזאָן.

— איך האָב זיך אַריינגעדרייט אין אַ נעץ, און איך קאָן זיך ניט אַרויסדרייען, — האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. — די קרעדיטאָרן האָבן מיך געפּאַנגען אין אַ פּאַסטקע. איך בין ביי זיי אין די הענט. זיי ווייסן ניט פון קיין רחמנות. צוליב אָט־די הויט־שינדער מוז איך סקעבן. יעדן דאָלער, וואָס איך פאַרדין, גיב איך אָפּ די קרעדיטאָרן. מיין ווייב איז קראַנק. זי האָט צוזאַמענגעבראָכן פון די צרות. זי געפינט זיך ביי מיין ברודער אויף זיין פאַרם.

מיט ציטערדיגע הענט האָט מאָריס געוויזן אוורעמל׳ען די קוויטאַנציעס פון זיינע וועכנטלעכע צאָלונגען צו זיינע קרעדיטאָרן. ער האָט אים אויך געוויזן רעכענונגען, וואָס דאָקטוירים האָבן אים צוגעשטעלט פאַר קורירן זיין קראַנקע פרוי, און בריוו וואָס זיין פרוי האָט אים געשריבן פון פאַרם.

— אוורעמל, — האָט מאָריס זיך געבעטן, — שטיי מיר ביי אין מיין נויט. איך שווער דיר ביי מיין קראַנקער פרוי, אַז מאָרגן וועל איך איבערלאָזן דעם סקעב־שאָפּ, וועל אַוועקפאָרן אויף דער פאַרם צו מיין ברודער, און וועל דאָרטן פאַרבלייבן מיט מיין פרוי ביז דער סטרייק וועט זיין פאַריבער.

— ווער נאָך סקעבט דאָ? — האָט אוורעמל שטרענג געפרעגט.

מאָריס האָט אים געגעבן די נעמען פון די אַרבעטער און אויך די נעמען פון די פירמעס, וואָס שטעלן אים צו די אַרבעט, און דעם אַדרעס פון פאַרם, וואו ער וועט זיך געפינען.

— רואיניר ניט מיין רעפּוטאַציע, — האָט ער זיך געבעטן. — ס'איז די איינציגע זאַך, וואָס איז מיר פאַרבליבן. דערמאָן זיך, אַוורעמל, איך האָב דיר געהאָלפן ווען דיר איז געווען שלעכט, ווען דו האָסט זיך גענויטיגט אין אַ פריינט'ס הילף. איך האָב דיך אַריינגעבראַכט אין דער יוניאָן. איצט בעט איך ביי דיר אַ טובה. העלף מיר אין מיין גרויסער נויט.

אַוורעמל האָט אַפילו ניט געקוקט אויף מאָריס'ן. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ טיפער עקל צו אָט־דעם מענטשן. און דאָס געפיל פון עקל האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף זיך אַליין, ווייל ער האָט געפילט, אַז זיין רחמנות צו מאָריס'ן קריגט די אויבערהאַנט איבער זיין חוב צו דער יוניאָן, צו די סטרייקערס. ער האָט ניט געקאָנט ביישטיין דאָס געבעט פון דער צעבראָכענעם מענטשן. דער שטאָלצער מאָריס פון אַמאָל איז פאַר אים געזעסן אַ דערשלאָגענער, אַ קרבן פון די גרויסע ביזנעס־וועלף, וואָס פאַרצערן די שוואַכע חיות אין דעם קאַפּיטאַליסטישן דזשאַנגל.

געגן זיין ווילן, געגן זיין אינסטינקט פון אַ טרעיד־יוניאָניסט, האָט אַוורעמל אָנגענומען פאַר גוט געלט מאָריס'עס ערן־וואָרט, אַז ער וועט פאַרמאַכן זיין סקעב־שאַפּ און אַוועקפאָרן אויפן פאַרם צום ברודער.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט ער טעלעפאָנירט מאָריס'ן, צו איבערצייגן זיך, אַז יענער האָט געהאַלטן וואָרט. ס'האָט זיך אים אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ, ווען מאָריס האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן.

— וואָס טוסטו אין דער היים ? — האָט אַוורעמל אַריינגעשריען אין טרייבל, — פאַרוואָס ביסטו ניט אַוועקגעפאָרן ?

מאָריס האָט געענטפערט מיט אַ חוצפה'דיגן טאָן, אַז ער פאָרט ניט, אַז ער בלייבט אין ניו־יאָרק.

אַוורעמל'ען איז געוואָרן ענג אין קאָפּ. ער איז אַוועק צו מאָריס'ן, אַ צעפלאָמטער פון אויפרעגונג. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צום הויז, האָט ער דאָרט דערזען אַ פּאָליסמאַן. די גאַנצע געשיכטע איז אים קלאָר געוואָרן. דער סטרייקברעכער האָט אים

אויסגעמאַנעווורירט, געשפּילט אויף זיינע סענטימענטן און — גע־וואונען. ער וועט ליבערשט דורכקומען מיט די קרעדיטאָרן, ווי אויפגעבן זיין סטרייק־ברעכעריי. געלט איז ביי אים וויכטיקער, ווי זעלבסט־ווערדע. און ער, אַורעמל, וואָלט דאָס אַלץ באַדאַרפט געווען פאַרשטיין און פאָראויסרעכענען, אַניט — וואָס פאַר אַ יוניאָן־פירער איז ער ?

פול מיט חרטה און פאַראַכטונג צו זיך אַליין, איז אַורעמל אַוועק אין דער יוניאָן און דערציילט די הויפּט סטרייק־פירער די גאַנצע געשיכטע.



.5

אין איינעם פון די צימערן אין דער פּאַרטיי־געביידע איז פאַר־געקומען אַ וויכטיגע זיצונג. געווען זיינען דאָרט די מיטגלידער פון דער געגנטלעכער ביוראָ און עטלעכע טוער פון דער פּאַריערס יוניאָן, אַוורעמל צווישן זיי. דער פאַרזיצער איז געווען אַ פּאַרטיי־וועטעראַן מיט אַ סך דערפאַרונג אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. ער האָט געפירט די פאַרזאַמלונג רואיג, געשעפטסמעסיג און מיט טאַקט. ער האָט ניט געהאַט קיין שוועריגקייטן, ווייל די אַנדערע זיינען אויך געווען רואיג, ערנסט און קאָנצענטרירט.

ערנסטע קלאַגן, האָט דער פאַרזיצער דערקלערט, זיינען אַריינ־געבראַכט געוואָרן אין דער פּאַרטיי געגן דעם חבר ברוידע. די אָנ־קלעגער זיינען טוער פון דער פּאַריערס יוניאָן, און זיי געפינען זיך דאָ. דער אָנגעקלאָגטער חבר ברוידע איז אויך דאָ. דאָס וואָרט קריגט חבר נ., אַ טוער פון דער יוניאָן. ער וועט פאָרברענגען די פאַקטן, וואָס שאַפן די באַזע פאַר די קלאַגן.

— ווי איר ווייסט, חברים, — האָט חבר נ. אָנגעהויבן, — איז די יוניאָן פאַרטאָן אין אַ וויכטיגן און שווערן סטרייק. מיר האָבן געגן זיך די באָסעס, זייערע געדונגענע שלעגער, די פּאָליציי, די פיינטלעכע פּרעסע. דעטעקטיווס (געהיים־אַגענטן) רייסן זיך אַריין אין די האָלס, וואו די סטרייקערס זיינען פאַרזאַמלט, און אַרעסטירן וויכטיגע סטרייק־טוער. קאָרופּטע ריכטער, וואָס אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די באָסעס, פאַרשיקן די סטרייקערס אין פּריזאָן, און שטראָפירן זיי מיט גרויסע סומען, כדי אויסצולוידיגן די יוניאָן־קאַסע און ברעכן דעם מוט פון די סטרייקערס. דעם שווערסטן קאַמף קומט אונז אויס צו פירן געגן די סאָציאַליסטישע שטערער פון אינעווייניג און פון דרויסן. זייער פּלאַן איז צו ברעכן דעם סטרייק און אויך די יוניאָן, כדי צו דיסקרעדיטירן די לינקע יוניאָן־פירער. זייער צייטונג

אגיטירט אָפן, אַז אַרבעטער זאָלן גיין סקעבן. אָבער די סטרייקערס האָבן צוטרוי צו דער לינקער פירערשאַפט.

— די פּאַרטיי־חברים אין דער יוניאָן, — האָט ער ווייטער גע־רעדט, — זיינען טעטיג טאָג און נאַכט אויף די פּיקעטינג־ליניעס, אין די פאַרשיידענע סטרייק־קאָמיטעטן, צווישן די סטרייקערס. מיט זייער אַרבעט רופן זיי אַרויס רעספּעקט צו זיך און הייבן דעם פּרעס־טיזש פון דער פּאַרטיי צווישן די סטרייקערס. אָורעמל, איך מיין חבר ברוידע, איז איינער פון די טעטיגסטע חברים. איר ווייסט וועגן זיינע מעלות און איך דאַרף זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן.

— צוריק מיט עטלעכע טעג איז חבר ברוידע געקומען צו מיר, ווייל איך בין דער פאַרזיצער פון דער אַלגעמיינער פּיקעטינג־קאָמיטע, און האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ שעדלעכן אַקט. איך האָב אים געשיקט מאַכן אַן אונטערזוכונג אין אַ שאַפּ. ער האָט דאָרט געטראָפן אַ סקעב. נאָר אַנשטאָט אים צו ברענגען אין דער יוניאָן, האָט ער אים אָפּגעלאָזט. ווען די סטרייקערס וואָלטן אויסגעפונען וועגן דעם, וואָלטן זיי פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו אונז, און דער סטרייק וואָלט זייער פיל געליטן. איך האָב דערפאַר געבראַכט די קלאָגן געגן דעם חבר ברוידע, — האָט חבר נ. פאַרענדיגט און זיך אַוועקגעזעצט.

דער פאַרזיצער האָט געגעבן דאָס וואָרט צו אַנדערע יוניאָן־טוער. אַלע האָבן זיי באַשטעטיגט דעם באַריכט און געשטיצט די קלאָגע געגן דעם חבר ברוידע.

— חבר ברוידע, — האָט דער פאַרזיצער זיך געווענדעט צו אָורעמל׳ען, — באַגרייפט איר די ערנסטקייט פון דער קלאָגע געגן אייך?

— יאָ.

— ווילט איר מאַכן אַ דערקלערונג? איך פאַרזיכער אייך, אַז די ביוראָ וועט אייך געבן אַלע געלעגנהייטן קלאָר צו מאַכן דעם ענין.

אָורעמל האָט אַ בלאָסער זיך אויפגעהויבן פון דעם בענקל. ער האָט באַמערקט ווי אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צו אים. ער האָט מיט דער צונג באַנעצט זיינע טרוקענע ליפּן. צוערשט האָט

ער אַרונטערגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אָנגעהויבן רעדן. גער־רעדט האָט ער וועגן זיך ניט ווי אַן אַדוואָקאַט, נאָר ווי אַן אָנקלעגער.

— אַלץ, וואָס דער חבר נ. האָט דאָ געזאָגט, איז ריכטיג, — האָט ער אָנגעהויבן. — איך באַגרייף די ערנסטקייט פון דעם אַקט, וואָס איך בין באַגאַנגען. דערפאַר בין איך געקומען צום חבר נ. און אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך די פאַרדינטע שטראָף, אָבער איך וויל ניט, אַז דער סטרייק זאָל דערפון ליידן. דער סטרייק . . . — אוורעמל׳ס שטימע איז פאַרשטיקט געוואָרן — דער סטרייק איז די הויפּט־זאַך, איך בין ניט וויכטיג. איך וויל זיך ניט פאַרטיידיגן אָדער פאַרענטפערן. כ׳וואָלט נאָר וועלן, אַז איר זאָלט וויסן אַלצדינג וועגן מיין אַקט, אַריינגערעכנט די פּער־זענלעכע, סוביעקטיווע מאָטיוון, וואָס האָבן מיך באַוועגט אַזוי צו האַנדלען. דעריבער וועט איר מיר דערלויבן צו דערציילן מיט מער איינצעלהייטן וואָס עס האָט פּאַסירט.

ער האָט דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט מאָריס׳ן אין יענער נאַכט און אויך וועגן דער ראָלע, וואָס מאָריס האָט פריער געשפּילט אין זיין לעבן. זיין רעדע איז געווען אַ לאַנגע, און עס האָט זיך גע־קאָנט דאַכטן, אַז אַ סך זאַכן, אויף וועלכע אַוורעמל שטעלט זיך אָפּ, האָבן גאָרנישט צו טאָן מיטן ענין. אָבער דער פאָרזיצער האָט אים ניט איבערגעריסן און די אַנדערע האָבן זיך איינגעהערט אין זיינע רייד מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט.

— אָט דאָס, חברים, איז דער ריינער אמת, — האָט אַוורעמל פאַרענדיגט. — עס איז קלאָר, אַז איך האָב נאָך ניט גענוג דערפאַרונג, אַז מען קאָן מיך אָפּנאַרן. עס איז מיין טעות, אַ שווערער טעות, געוויס. און אייער אורטייל דאַרף זיין אַ שטרענגער. איך בין אָבער זיכער, אַז איר וועט דערביי האָבן אין זינען מיין רעקאָרד ווי אַ יוניאָן־טוער און פּאַרטיי־טוער. איך האָב זיך שטענדיג געהיט, אַז קיין שפּרענקעלע זאָל ניט פאַלן אויף מיין פּאַרטיי־רעפּוטאַציע. עס איז מיין שולד, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון מאָריס׳ן. דאָס

גיב איך צו. אָבער, חברים, דאָס איז ניט קיין אַקט פון באַוואוסטזיניגן פאַרראַט. איך וואָלט גיכער מקריב געווען מיין לעבן, איידער פאַר־ראַטן די פּאַרטיי. איך האָב געענדיגט. איר מעגט זיין זיכער, אַז וואָס אייער באַשלוס זאָל ניט זיין, וועל איך אים נאָכקומען אין גייסט פון לאָיאַליטעט צו דער פּאַרטיי און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די דיסקוסיע. די ביוראָ־מיטגלידער האָבן דעם ענין באַשפּראָכן רואיג, זאַכלעך, פּאָליטיש. אין אַוורעמל׳ס אַקט האָבן זיינע חברים געזען ניט בלויז אַ פּערזענלעכן אַקט, נאָר אַ סימפּטאָם פון אומשטאַנדהאַפטיגקייט, וואָס נעמט זיך פון קנאַפּן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן וויסן. דער פאַל פון חבר ברוידע, האָבן זיי געמאַכט דעם אויספיר, דאַרף זיין אַ וואָרנונג פאַר דער פּאַרטיי, אַז זי מוז מאַכן אַ גרעסערע אָנשטרענגונג צו דערציען די חברים פּאָליטיש.

נאָך דער דיסקוסיע זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פאָרשלאָגן, און די ביוראָ האָט איינשטימיג באַשלאָסן:

אַז די פּאַרטיי אָנערקענט די לאָיאַלע און ווערטפולע אַרבעט פון דעם חבר ברוידע.

אַז טאָקע צוליב דעם, וואָס דער חבר ברוידע איז אַזאַ וויכטיגער פּאַרטיי־טוער, האָט ער באַדאַרפט ווייזן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע און ניט איינגיין אויף קיין קאָמפּראָמיסן מיט אַ סקעב אָן דעם וויסן פון דער יוניאָן־פירערשאַפט. דערפאַר פאַרדינט דער חבר ברוידע די שאַרפסטע קריטיק און ער ווערט ערנסט געוואָרנט געגן אָפּאָרטו־ניסטישע אָפּנויגן.

אַז דער חבר ברוידע, אָדער וועלכער ניט איז חבר, טאָר אין דער צוקונפט ניט מאַכן קיין אייגענע באַשלוסן וועגן פאַראַנטוואָרט־לעכע אויפגאַבן, נאָר ער דאַרף דעם ענין פאָרברענגען פאַר דער געהעריגער קאָמיטע, סיידן עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך.

אַז דער חבר ברוידע זאָל זיך פאַרשרייבן אויף קורסן אין דער אַרבעטער־שול און זאָל דאָרט אויפנעמען ענגליש, פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע, טרעיד־יוניאָניזם און אַנדערע וויכטיגע געגנשטאַנדן.

אַז די פּאַרטיי־ביוראָ משפּט אים ווי אַ קאָמוניסט און אַ פּאַרטיי־מיטגליד, אָבער די יוניאָן דאַרף אים באַזונדער משפּט'ן ווי אַ יוניאָן־מיטגליד. דעריבער דאַרף די האַנדלונג פון דעם חבר ברוידע פאַר־געבראַכט ווערן פאַר דעם גאַנצן פּיקעטינג־קאָמיטעט, און די פּאַרטיי־חברים דאַרפן דאָרט אין דער דיסקוסיע אויסנוצן דעם אינצידענט ווי אַ לעקציע פאַר אַנדערע, צו לערנען די סטרייק־טוער וועגן די ריכטיגע מעטאָדן פון סטרייק־פירערשאַפט.

דער פאַרזיצער האָט איבערגעלייענט די באַשלוסן און געמאַכט אַ קורצן רעזומע וועגן דעם גאַנצן ענין.

— פאַראַן ביי אייך, חבר ברוידע, — האָט ער זיך געווענדט צו אַווראַמל'ען, — די זייער געזונטע אייגנשאַפט פון לאָיאַליטעט. דאָס איז גוט. אָבער ווען אַ חבר פאַרגעסט אַפילו אויף איין מאָמענט זיין גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין יוניאָן און צו זיין פּאַרטיי צוליב לאָיאַליטעט צו זיינעם אַ פּערזענלעכן פריינט, קאָן דאָס מיט דער צייט פירן צו אַ סיסטעם פון פּערזענלעכע טובות אויף דעם חשבון פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַ קאָמוניסט קאָנט איר האָבן בלויז איין סאָרט לאָיאַליטעט — געטריישאַפט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, און דאָס מיינט ממילא — צו דער פּאַרטיי, ווייל די אינ־טערעסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אויך די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. ס'איז איינס און דאָס זעלבע. אייער לאָיאַליטעט צו אייער געוועזענעם פריינט האָט איר, חבר ברוידע, געשטעלט העכער פון אייער לאָיאַליטעט צו אייער יוניאָן און צו אייער פּאַרטיי. איך האָף, אַז איר באַגרייפט אייער טעות, און איך וואָרן אייך אין אַ חבר'שן גייסט וועגן דעם סאָרט פּערזענלעכער לאָיאַליטעט.

מיט יאָרן שפּעטער איז אַווראַמל געשטעלט געוואָרן צו אַ שווערן פּרואוו, ווען ער האָט געדאַרפט אויסקלייבן צווישן פּערזענלעכער און פּאַרטיי־לאָיאַליטעט. איצט האָט ער זיך געפילט געשטאַרקט דורך דעם פּאַרטיי־משפּט. אים האָט געריצט און אויך געשראָקן דער באַ־שלוס, אַז ער זאָל אַריין אין דער אַרבעטער־שול און זיך נעמען ערנסט שטודירן.

.6

מיט מרימ׳ען האָט זיך אַוורעמל באַקענט אין דער אַרבעטער־שול. זי איז געווען די לערערין פון דעם ענגליש־קלאַס. ווי נאָר ער האָט דערזען די קליינע, חנ׳עוודיגע מרים, האָט ער זי באַלד ליב באַקומען. ווען זי האָט אים צוגערופן צו איר טישל און פאַרשריבן אין אַ בוך זיין נאָמען און אַדרעס, האָט זי אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געזאָגט פּראָסט און חבר׳יש:

— איך האָף, אַז איר וועט זיין צווישן מיינע בעסטע שילער.

ער האָט אַריינגענומען אין זיין האַנט איר קליין צאַרט הענטל מיט די דינע לאַנגע פינגער און ס׳איז אים דורכגעלאָפן אַ לייכטער ציטער איבערן לייב. זי האָט באַמערקט זיין פאַרלאַרנקייט און האָט אַ שמייכל געטאָן. פון דעם שמייכל האָבן זיך איר געשטעלט קליינע, קיילעכדיגע חן־גריבעלעך אויף ביידע באַקן. צוויי שורות גלייכע, ווייסע ציין האָבן אַ בליאַסק געטאָן פון איר אויסגעשניצטן מיילעכל. אירע שוואַרצע קלוגע אויגן האָבן געשפריצט מיט פונקען. אויף איר שמייכל האָט ער אויך געענטפערט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אים נאָך מער צעטומלט.

אויך מרימ׳ען איז אַוורעמל געפעלן געוואָרן באַלד ווי ער איז אַנגעקומען אין קלאַס. ווען זייערע אויגן פלעגן זיך באַגעגענען, פלעגט זי זיך פאַררויטלען און דערפילן אַ מאָדנע נערוועזיטעט. וואָס מער זי האָט געפּרואווט אויסמיידן זיין בליק, אַלץ אָפטער האָבן זייערע אויגן זיך צונויפגעטראָפן. צום ערשטן מאָל אין איר יונג לעבן האָט מרים ניט געקענט באַהערשן אירע געפילן. זי איז געווען ווי באַרוישט פון אַוורעמל׳ס פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אי גוטסקייט, אי מענערישע קראַפט. זי האָט ממש געפילט אַ באַ־

דערפעניש צו קוקן אויף אים, צו באַטראַכטן זיין הויכן שטערן און זיין קאָפּ מיט די בלאָנדע געקרייזלטע האָר.

טעג און נעכט האָט זי געטראַכט וועגן אַורעמל׳עז, און מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן אַלץ מער אומרואיג. אין קלאַס האָט זי זיך אָנגעשטרענגט אָנצוהאַלטן איר געוויינטלעכע רואיגקייט, זי האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ פּאָזע, אַז זי איז פאַרליבט ביז איבערן קאָפּ אין איר שיינעם שילער. צו אירע אַנדערע מענער־פריינט האָט זי דערפילט אַ מאָדנע קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט, גאָר ניט ווי פריער, גאָר ניט לויט איר טבע. מער ווי געוויינטלעך איז זי געווען באַזאָרגט וועגן איר אויסזען און וועגן איר קליידונג אין די אָוונטן, ווען זי האָט באַדאַרפט לערנען דעם קלאַס, וואו אַורעמל איז געווען איינער פון די שילער. עס פלעגט טרעפן, אַז ער האָט פאַרשפּעטיגט אויף עטלעכע מינוט. דעמאָלט איז מרים געווען שטאַרק נערוועז. איר שטימונג האָט זיך מיטאַמאָל געביטן, ווען ער איז אָנגעקומען. זי איז געוואָרן לעבעדיג, מונטער און באַ־ריידעוודיג. ס׳האָט זיך איר אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז ער שמייכלט צו־אָפּט און צו־פריינטלעך צו איינער פון די שילערינס אין קלאַס, און דאָס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן.

אַוורעמל האָט גאָר ניט פאַרדעכטיגט, אַז מרים טראַכט פון אים. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז עפּעס אַ נייער אינהאַלט איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין זיין לעבן. פון יענעם אָוונט וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט איר, זיינען זיינע טעג און נעכט געוואָרן ליכטיג און שטראַלנדיג. ער האָט פאַר זיך שטענדיג געזען מרים׳ס שיינעם פּנים און אירע גראַציעזע באַוועגונגען, איר כישוף׳דיגן שמייכל. אין זיינע אויערן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען איר קול. אים איז אַזוי גוט געווען צו טראַכטן וועגן איר, און די שעה, וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אין איר קלאַס, איז ביי אים געווען אַ גרויסער יום־טוב. ווען ער פלעגט זיך אויף אַ רגע דערמאָנען אָן זיין ערשטער ליבע און פאַרגלייכן מרים׳ען מיט ריוועלע׳ן, האָט ער ווי אַ געראַטעוועטער זיך געפרייט, וואָס ער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

ווען דעם, אַז מרים זאָל אים אויך ליב האָבן, האָט ער גאָר ניט געוואָגט צו טראַכטן. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט זיך אָפּ־צוגעבן צו זיינע געפילן צו איר. זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי און אין דער יוניאָן איז אים געוואָרן נאָך ליבער פון זינט ער האָט זיך באַקענט מיט מרים׳ען. ער האָט געלערנט מיט גרויס פלייס. ער האָט געלייענט יעדע פרייע שעה ניט בלויז צוליב זיין דורשט צום וויסן און כדי נאָצוקומען דעם פּאַרטיי־באַשלוס, נאָר אויך כדי אויסצונעמען ביי מרים׳ען. ער פלעגט זי טרעפן ביי דעמאָנסטראַציעס, ביי וויכטיגע פּאַרטיי־מיטינגען, און דאָס האָט די פאַרזאַמלונג געמאַכט נאָך וויכטיגער. אָבער קיין דרייסטער מיט פרויען איז ער ניט גע־ווען, און אויסערלעך האָט ער זיך פאַרהאַלטן צו מרים׳ען כמעט קאַלט און גלייכגילטיג.

מרים האָט מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן אָט־די צוריקגעהאַלטנ־קייט זיינע. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז אַנדערש ווי אַלע אירע אַנדערע באַקאַנטע מענער. יענע ווייזן אַרויס זייער צופרידנהייט ביי יעדער באַגעגעניש און זוכן זיך צו טרעפן מיט איר. עטלעכע האָבן זיך דערקלערט איר אין ליבע. אָורעמל איז דער איינציגער, וואָס פאַרהאַלט זיך אַזוי העפלעך, כמעט גלייכגילטיג צו איר. בלויז ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט דעם מינדסטן פאַרזוך זיך צו באַגעגענען מיט איר. דאָס האָט איר אַזוי ווי געטאָן, אַז זי האָט באַשלאָסן צו פאַרבויגן איר שטאָלץ און אַליין איינאָרדענען אַ באַגעגעניש מיט אים, כדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסצוגעפינען וואו עס האַלט מיט זיי.

איינמאָל, ווען דער קלאַס האָט זיך געענדיגט, האָט זי אָפּ־געשטעלט אָורעמל׳ען, אַזוי ווי פאַר יוצא וועגן, און אים אַ פרעג געטאָן, ווי עס גייט אים מיטן לערנען. יענער האָט גאָרניט פאַר־דעכטיגט און געענטפערט, אַז דאָס לערנען גייט־צו גאַנץ גוט און אַז זי איז זייער אַ גוטע לערערין און העלפט אים זייער סך. אַזוי רעדנדיג האָט מרים אַרויפגעצויגן איר מאַנטל, אָנגעטאָן איר הוט און געזאָגט מיט דער זעלבער געמאַכטער קאַלטקייט:

— חבר ברוידע, איר גייט אַרונטער, אָדער איר האָט אַ צווייטן קלאַס?

אַוורעמל האָט אויף גיך געענטפערט, אַז ער גייט אַהיים. זיי זיינען ביידע אַרונטער אין גאַס. אויפן וועג האָט אים מרים, ווידער מיט קאַלטער העפלעכקייט, פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן טרינקען קאַווע. זי האָט באַמערקט זיין פרייד, ווען ער איז איינ־געגאַנגען אויף איר פאָרשלאַג, און האָט אַ שמייכל געטאָן מיט קוים־באַהאַלטענעם טריאומף.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ליידיגן טישל אין רעסטאָראַן און באַשטעלט קאַווע מיט קיכלעך. מרים האָט געקירעווועט דעם שמועס זייער פאַרזיכטיג. אַוורעמל האָט גערן געענטפערט אויף אירע פראַגן וועגן זיינע טעטיגקייטן אין דער יוניאָן, וועגן דעם גרויסן פאָרטשריט, וואָס די יוניאָן מאַכט אונטער דער פירערשאַפט פון די חברים, וועגן דעם צוטרוי, וואָס די אַרבעטער האָבן צו די אָנ־פירנדיגע יוניאָן־טוער, און וועגן די שאַרפע צוזאַמענשטויסן מיט די רעכטע שטערער. זי האָט באַוואונדערט זיין פיאיגקייט צו דערקלערן קאָמפּליצירטע יוניאָן־פּראָבלעמען אויף אַן איינפאַכן אופן. ער האָט זי פאַראינטערעסירט אויף אַן אמת׳ן אין זיינע טעטיגקייטן, און זי האָט ניט באַמערקט ווי דער זייגער רוקט זיך און די צייט לויפט. ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. ביים שיידן זיך האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט פאַרבראַכט זייער אָנגענעם די פּאָר שעה און זי האָפט, אַז ער וועט פאָרזעצן אַזוינע שמועסן מיט איר, ווייל ס׳איז פאַר איר אַזוי וויכטיג צו באַ־קענען זיך מיט אַזעלכע יוניאָן־פּראָבלעמען.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך געטראָפן גאַנץ אָפט. זיי פלעגן שפּאַצירן צוזאַמען און רעדן שעה׳ען־לאַנג וועגן פאַרשיידענע זאַכן, — וועגן פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דער פּאַרטיי, וועגן זייערע טעטיגקייטן און אויך וועגן פאַרשיידענע פּאַרטיי־פירער. מרים איז געווען זיכער, אַז אַוורעמל וועט פריער אָדער שפּעטער זיך דער־קלערן אין ליבע צו איר. איצט איז זי געווען גאַנץ זיכער, אַז ער

האָט זי ליב. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין צוריקגעהאַלטנקייט שטאַמט פון זיין ניט־געוואַגטקייט און זיין קנאַפּער דערפאַרונג מיט פרויען. דאָס האָט איר הנאה געטאָן, און זי האָט געדולדיג געוואַרט. ביי עטלעכע געלעגנהייטן האָט זי פאַרזיכטיג אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וויל אָנהאַלטן איר פריינטשאַפט מיט אים. אַוורעמל האָט אָבער ניט געוואַגט צו טראַכטן, אַז זי האָט אים ליב. אָפט פלעגט מרים פאַרלירן איר געדולד. ס׳האָט זיך איר געוואָלט אויסשרייען: „דו נאַר! זעסט דאָך, אַז איך האָב דיך ליב נאָך מער ווי דו האָסט מיך ליב! איז ווען וועסטו שוין אויפהערן זיין אַזוי פאַרדאַמט העפלעך?״ נאָר זי האָט מיטגעשפּילט אין אָט־דער שפּיל פון העפלעכקייט. זי האָט געוואַרט. זי איז געווען זיכער, אַז דער מאָמענט וועט קומען.

אויך אַוורעמל האָט עטלעכע מאָל באַשלאָסן אָנצוהייבן רעדן צו מרים׳ען וועגן זיינע געפילן צו איר. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז צופרידן זיך צו טרעפן מיט אים און פאַרברענגען מיט אים לאַנגע שעה׳ען. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז עס איז נאָך צו פרי. ער האָט געציטערט פאַר דעם געדאַנק, אַז מרים וועט צוריק־וויזן זיין אָנבאָט, און עס וועט נעמען אַ סוף צו זייער פריינטשאַפט. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן מיט זיין ליבע־דערקלערונג ביז ער וועט זיין פולשטענדיג זיכער, אַז ס׳איז ניט בלויז זיינע אַן איינרעדעניש, אַז מרים האָט אים טאַקע ליב.

.7

אין דער פּאַרטיי האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפטיגער שטרייט צווישן צוויי פראַקציעס. די פּאַרטיי־מיטגלידער זיינען געווען צעטיילט אין כמעט־פיינטלעכע לאַגערן. בלויז אַ קליינע צאָל מיטגלידער איז געבליבן מער אָדער ווייניגער נייטראַל און ניט צוגעשטאַנען צו דער אָדער יענער פראַקציע. די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען זיינען געווען די קאַמפּס־פּלעצער. די קלענערע און גרעסערע פּאַרטיי־מיטינגען פלעגן זיך ציען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איין פראַקציע האָט באַשולדיגט די צווייטע אין אַנטי־פּאַרטייאישע האַנדלונגען, אין אַפּאָרטוניסטישע אָפּנויגן, אין שטימען ניט לויט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, נאָר לויט קאָקוס־באַשלוסן. ביי יעדן מיטינג זיינען געהאַלטן געוואָרן לאַנגע רעדעס. ביטערע פאַרוואורפן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף ביידע זייטן. יעדע פראַקציע האָט געהאַט איר אייגענע פּראָגראַם פאַר דער פּאַרטיי, פאַר דער אַרבעט אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. יעדע פראַקציע האָט ביטער געקעמפט פאַר אירע פּראָגראַמען און האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די פּראָגראַם פון דער צווייטער פראַקציע איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. די פירער פון די פראַקציעס האָבן עקשנות׳דיג געקעמפט פאַר זייער אויסטייטשונג פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריעס און טאַקטיק. עס האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז די פּאַרטיי איז געווען פאַרנומען מיט דעם אינערלעכן שטרייט אַ סך מער ווי מיט אַ פאַרזוך צו פאַרגרעסערן דעם איינפלוס פון דער גאַנצער פּאַרטיי אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

מרים איז געווען איינע פון די אָנפירער פון דער ל. פראַקציע. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די שמועסן צווישן איר און אַוורעמל׳ען זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין דיסקוסיעס וועגן דער אינערלעכער לאַגע

אין דער פּאַרטיי. מרים האָט ניט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס אַורעמל איז איינער פון די נייטראַלע חברים. עס האָט איר ווי געטאָן, וואָס זי קאָן אים ניט אַריינציען אין דער ל. פראַקציע. עס האָט איר פאַרדראָסן ביז ווייטאָג, וואָס ער האָט אַזוי פיל צוטרוי און דרך־ארץ פאַרן חבר פ. און די אַנדערע אָנפירנדיגע חברים פון דער פ. פראַקציע. מיט זיין כאַראַקטעריסטישער אָרנטלעכקייט האָט אַורעמל צו־געגעבן, אַז ער קאָן זיך נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדערקלייבן אין די טעאָרעטישע אונטערשיידן צווישן די צוויי פראַקציעס, און אַז בלויז איין זאַך איז פאַר אים קלאָר: דער קאַמף שעדיגט די פּאַרטיי און פ. מיט זיין גרופּע זיינען וויכטיגע, קאָמפּעטענטע און פאַרטרויענס־ווערטע פּאַרטיי־פירער.

וואָס העפטיגער דער פראַקציאָנעלער קאַמף האָט זיך צע־פלאַקערט אין דער פּאַרטיי, אַלץ מער פאַרביטערט איז מרים געוואָרן געגן דער פ. פראַקציע. שעה׳ען לאַנג פלעגט זי רעדן צו אַורעמל׳ען וועגן דער געפאַר, וואָס די פ. פראַקציע שאַפט פאַר דער פּאַרטיי. אַורעמל האָט ניט איינגעשטימט מיט איר. מרים פלעגט ווערן היסטעריש. זייערע שמועסן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין פּאָליטישער קריגעריי. עטלעכע מאָל האָבן זיי אָפּגעמאַכט אויסצו־מיידן פּאַרטיי־דיסקוסיעס, ווען זיי טרעפן זיך, נאָר דאָס איז געווען אוממעגלעך אָפּצוהיטן. איינמאָל האָט מרים באַשולדיגט אַורעמל׳ען, אַז מיט זיין נייטראַליטעט שטיצט ער פּאַקטיש די פ. גרופּע, און זי איז צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל זיך בעסער אָנשליסן אָן דער ל. פראַקציע. אַורעמל איז געוואָרן אויפגעבראַכט. ער האָט איר זייער שאַרף געוואָרנט, אַז ער וועט קיינעם ניט דערלויבן אים צו דיקטירן בנוגע זיינע איבערצייגונגען. מרים האָט אַ דערצאָרנטע זיך אויף שנעל געזעגנט מיט אים און איז אַרויס פון רעסטאָראַן.

עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, און אַורעמל מיט מרים׳ען האָבן זיך מער ניט באַגעגנט. ער האָט זייער שטאַרק געבענקט נאָך איר. ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב. ער האָט איר אָבער ניט געקאָנט מוחל זיין איר שטעלונג. שטענדיג

האָט ער געטראַכט וועגן דער לעקציע, וואָס דער פאַרזיצער האָט אים געגעבן ביי דער ביוראָ וועגן פּערזענלעכער לאָיאַליטעט. ער איז געבליבן פעסט אַנטשלאָסן, אַז זיין ליבע און לאָיאַליטעט צו מרים׳ען זאָלן ניט שטיין אין וועג פון זיין לאָיאַליטעט צו דער פּאַרטיי. אַפילו ווען ער זאָל מוזן אינגאַנצן אויפגעבן מרים׳ען, האָט ער באַשלאָסן, וועט ער בלייבן געטריי צו זיינע איבערצייגונגען און צו זיין שטעלונג בנוגע דער פּאַרטיי־סיטואַציע.

מרים האָט געפילט, אַז זי וועט עס ניט אויסהאַלטן. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט ניט געהאַנדלט ריכטיג, און האָט באַוואונדערט אַורעמל׳ס אויסגעהאַלטנקייט. אָבער איר פּראַקטיאַנעלע פאַרביסנ־קייט און איר שטאָלץ האָבן זי צוריקגעהאַלטן פון מאַכן אַ פאַרזוך זיך איבערצובעטן מיט אים. איר בענקעניש האָט זי געגנאַגט און געמאַטערט. עטלעכע מאָל האָט זי פאַרבראַכט מיט אירע אַנדערע באַקאַנטע מענער. זי האָט אָבער פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו זיי. איר אַרבעט אין דער פּאַרטיי, די פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, די אָנגעצויגענע פּראַקטיאַנעלע קאַמפּן און די נאָגנדיגע בענקעניש נאָך אַורעמל׳ען האָבן אָנגעהויבן אונטערגראָבן איר געזונט. זי האָט פאַרלאָרן וואָג. איר פּנים איז געוואָרן בלייך. זי איז געוואָרן אויפגערעגט און נערוועז.

ווען דער זומער איז אָנגעקומען, האָבן אירע עלטערן איר פאַר־געשלאָגן צו פאָרן אויף אַ לאַנגער וואַקאַציע אין אייראָפּע. איר פאָטער, אַ רייכער בוי־קאָנטראַקטאָר, האָט זיך געבעטן ביי איר זי זאָל רחמנות האָבן אויף זיך, אויף דער מאַמען און אַוועקפאָרן ראַטעווען איר געזונט. מרים איז ניט געפאָרן. זי האָט אַפילו ניט געוואָלט טראַכטן וועגן אַוועקפאָרן פון אַורעמל׳ען. אירע עלטערן האָבן ניט געוואוסט וואָס עס נאָגט זייער איינציגע טאָכטער. זי האָט אָבער איינגעשטימט צו פאָרן מיט זיי אין זייער זומער־וואוינונג, ניט וויט פון שטאָט, און פאַרברענגען מיט זיי דעם זומער.

איינמאָל, ווען אַורעמל איז אַהיים געקומען, האָט ער געפונען אַ בריוו אויף זיין טיש. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאָנווערט.

די האַנטשריפט איז אים געווען באַקאַנט. ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט. מרים האָט אים איינגעלאַדן אַרויסצוקומען צו זייער זומער־וואוינונג, פאַרברענגען מיט איר און מיט אירע עלטערן. זי האָט באַשריבן דאָס שיינע פּלאַץ, וואו זיי געפינען זיך, דעם שיינעם טייך, און האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט זיך אויסצורוען אַ פּאָר טעג, ווייל זי וועט פאַר קיין פאַל ניט רעדן מיט אים וועגן פאַרטיי־ענינים. אַוורעמל האָט אויפגעלעבט. ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו עטלעכע מאָל. איצט איז ער געווען זיכער, אַז די צייט איז געקומען ער זאָל זאָגן מרים׳ען, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב. ער איז געווען זיכער, אַז מרים וועט אים ניט צוריקווייזן. אויף מאָרגן האָט ער איינגעפּאַקט זיינע זומער־זאַכן און איז אַוועק צו מרים׳ען.

ער איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם גרויסן רייכן הויז, וואָס מרים מיט אירע עלטערן האָבן באַוואוינט. ער האָט געוואוסט, אַז מרים׳ס פאָטער איז ניט קיין אַרבעטער און ניט קיין אָרעמאַן; אַז מרים האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט אַרבעטן אין שאַפּ און אַז איר פאָטער האָט זי אויסגעהאַלטן אין די בעסטע סקולס. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז איר פאָטער איז אַזוי רייך. דאָס האָט אים אַ היבש ביסל אַנטוישט. נאָר די פריינטלעכע באַציאונג, וואָס מרים׳ס עלטערן האָבן אַרויסגעוויזן צו אים, און מרים׳ס וואַרעמע פריינטשאַפט האָבן אים איינגיכן צוגעוואוינט צום רייכן פאַרנעם, און ער האָט זיך אָנ־געהויבן פילן היימיש, כמעט ווי אַן אַלטער פריינט פון דער פאַמיליע.

אויף דער זומער־וואוינונג איז מרים געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. זי האָט געלאַכט, געשטיפט, געזונגען און איז אַרומגעלאָפן צווישן די ביימער און אין דעם טיפן גראָז ווי אַ קינד. צוזאַמען מיט אַוורעמל׳ען האָט זי פאַרבראַכט אין דרויסן גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי זיינען געשוואומען, זיך געשיפלט, געכאַפּט פיש, און שפּאַצירט איבער לאַנגע שטרעקעס. זייער הויט איז ברוין גע־וואָרן פון דער הייסער זון. זיי זיינען געוואָרן פריינטלעכער, היימישער און זייער ליבע האָט אַרויסגעשטראַלט פון זייערע אויגן. מרים׳ס

עלטערן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען ניט קיין צופעליגע פריינט. זיי האָבן באַמערקט די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זייער טאָכטער פון זינט אַורעמל איז געקומען. זיי האָבן ליב באַקומען דעם פיין־געבויטן, קרעפטיגן, שיינעם בחור, און עס האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס זייער טאָכטער פריינטלט זיך מיט אים.

ענדלעך האָט זיך מרים דערוואָרט. זי און אַורעמל זיינען געזעסן אויפן גראָז און געקוקט אויף דער זינקענדיגער רויטער זון, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט פּרעכטיגע קאָלירן אין טייך. אַורעמל האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— מרים, מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע וואונדערבאַרע טעג. ווערסט קיינמאָל ניט וויסן ווי דאַנקבאַר איך בין דיר, וואָס דו האָסט מיך איינגעלאַדן אַהער. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך קיינמאָל מער ניט באַגעגענען, נאָך יענעם אַווגט. איך האָב דיך זייער שטאַרק ליב. ווען איך וואָלט געווען דיין גלייכן, אַ געבילדעטער, אַ פּראָפעסיאָנאַל, און וואָלט געקאָנט דיך באַזאָרגן מיט אַ באַקוועמען לעבן, ווי דו ביסט געוואוינט, וואָלט איך געוואָגט דיך צו בעטן זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן.

— דו נאַרישער בחור, — האָט אים מרים איבערגעשלאָגן.

אַורעמל'ען איז דורכגעלאָפן אַ קעלט איבערן לייב. מרים האָט געשוויגן אַ ווייל, און אַורעמל'ען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט גערעדט אַזוי אָפן. ער האָט געוואָלט צוריקנעמען זיינע ווערטער, נאָר ער איז געווען צעטומלט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. מרים'ס באַמערקונג „דו נאַרישער בחור" האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַ טויט־אורטייל. דער טייך האָט זיך געוויגט. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. ענדלעך האָט מרים געבראָכן די שטילקייט. זי האָט געזאָגט שטיל:

— איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דעם מאָמענט. מיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן וואַרטנדיג. איך האָב אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז דו האָסט מיך ניט ליב.

אָורעמל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער האָט האַסטיג אויסגעדרייט זיין פנים צו מרימ׳ען. אירע שוואַרצע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס, האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אויפגעהויבן מיט זיך. ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיין ברייטער ברוסט און באַדעקט אירע פייכטע אויגן און פנים מיט קושן. זי האָט געהערט דאָס האַמערן פון זיין האַרץ. מיט אירע צאַרטע הענטלעך האָט זי אַרומגענומען אָורעמל׳ס קאָפּ און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן.

ווען ער האָט זי צאַרט אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז, האָט זי מיט די הענט פאַרשטעלט איר פנים, זיך אַריינגערוקט אין גראָז און זיך צעוויינט. אָורעמל האָט זי געגלעט און אַ צעטומלטער געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט. זי האָט כליפּענדיג געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז זי קאָן ניט קאָנטראָלירן די גרעסטע פרייד אין איר לעבן.

ווען זיי זיינען אַהיים געקומען, האָבן זיי געטראָפן מרימ׳ס עלטערן זיצן אויף דער ווערענדע. אָורעמל איז געבליבן שטיין אין דרויסן. מרים איז אויף גיך אַריינגעלאָפן און האָט אַ רוף געטאָן איר מאַמען. מיסעס רובין האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און באַמערקט צו איר מאַן, אַז עס האָט שוין פּאַסירט עפּעס נייעס. ווען זי איז אַריין אין הויז, האָט זי מרים אַרומגעכאַפּט, און איר געזאָגט:

— מאַמע, איך גיי חתונה האָבן מיט מיסטער ברוידע.

מיסעס רובין האָט אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

— נו, זאָל זיין מיט מזל, — און האָט אַ רוף געטאָן איר מאַן.

מיסטער רובין האָט אויפגענומען די נייעס מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט ביי זיך ניט געקאָנט באַשליסן צי ער איז צופרידן אָדער ניט. געוואָלט האָט ער, אַז זיין מרים זאָל חתונה האָבן מיט אַ דאָקטער, אַ לאָיער, אָדער אַ רייכן געשעפטסמאַן. אויף אַזאַ שידוך האָט ער זיך ניט גערעכנט. נאָר ענדלעך האָט ער, ווי זיין ווייב, געוואונטשן דער טאָכטער גליק און אַ געשריי געטאָן:

— מיסטער ברוידע, וואָס שטייסטו אין דרויסן? קום אַריין. ביסט דאָך שוין אַן אייגענער.

אויפן טיש איז אויסגעוואַקסן בראָנפן און וויין און פאַרבייסן. מיסעס רובין האָט ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון אַוורעמל׳עָן. זי האָט ענדלעך באַשלאָסן, אַז מרים האָט געמאַכט אַ גוטן אויסוואַל און האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, מרים׳ל, ווען איך בין אויף דיין פּלאַץ, וואָלט איך אויך אויסגעקליבן ברוידע׳ן. ער איז אַ שיינער און אַ פיינער בחור.

מיסטער רובין, וואָס האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, האָט זיך אויף שפּאַס באַליידיגט און געזאָגט:

— אַזוי גאָר! האָסט, הייסט עס, חרטה וואָס דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט? ענדלעך האָב איך אויסגעפונען וואו איך בין אין דער וועלט.

אַלע האָבן האַרציג געלאַכט.

מיסטער רובין האָט זיך גענומען צו אַוורעמל׳ען. ער האָט אים אין אַ שפּאַסיגן טאָן געוואָרנט געגן זיין קאַפּריזנער שיינער טאָכטער, וואָס איז געוואוינט צו אַ באַקוועם לעבן, און צו אַלעם פאַרטיגן. אַוורעמל האָט געענטפערט, אויך אין אַ שפּאַסיגן טאָן, אַז ער נעמט זיך אונטער איינצוגעוואוינען מרים׳ען צו אַן אַרבעטער־לעבן. מיסטער רובין האָט וויציג באַמערקט, אַז מרים איז אַ פיינע קאָמוניסטקע, נאָר זי ווייסט ניט וואָס עס הייסט מאַכן אַ לעבן. מרים האָט פּראָטעסטירט.

מיסטער רובין האָט אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווען גייט איר חתונה האָבן?

מרים האָט געענטפערט: — מאָרגן.

אַוורעמל האָט געזאָגט, אַז ביז מאָרגן וועט ער נאָך ווי עס איז קאָנען צוּוואַרטן. מיסטער רובין איז צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער זייט פון דעם שידוך. ער האָט פאַרזיכטיג געלאָזט וויסן אַוורעמל׳ען, אַז ער איז צופרידן מיט דעם שידוך, אַז אויב אַוורעמל וויל ווערן אויס אַרבעטער און גיין אין ביזנעס, זאָל ער זיך ניט זאָרגן וועגן געלט, ווייל מרים איז ביי אים ווי אַן אויג אין קאָפּ, און קיין געלט וועט ער ניט זשאַלעווען.

— מרים, — האָט מיסטער רובין געזאָגט, — האָט מיר געבראַכט גרויס גליק. פון דעם ערשטן טאָג וואָס זי איז געבאָרן געוואָרן, האָב איך געמאַכט געלט, הלוואי אויף דיר געזאָגט געוואָרן.

אַווראַמל האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער גייט ניט אין ביזנעס, אַז ער וועט בלייבן אַן אַרבעטער און וועט אויסקומען מיט זיינע פאַרדינסטן. מיסטער רובין איז געווען אַ ביסל אומצופרידן, אָבער ער האָט ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז נאָך דאָ צייט וועגן דעם צו רעדן.

— אויב אַזוי, — האָט ער געזאָגט, — וויל איך האָבן דאָס פאַר־גענייגן אייך צו געבן אַ מתנה צו דער חתונה, אַ הויז וואָס איך וועל פאַר אייך אויפבויען.

אַווראַמל האָט זיך פאַרשעמט און זיך אָפּגעזאָגט פון דער מתנה. מיסעס רובין האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז ביידע קינדער וועלן וואוינען מיט זיי. איר הויז איז גענוג גרויס פאַר צען מענטשן, זי וויל האָבן די קינדער מיט זיך, און זי וועט זיך ניט אַרומדרייען אין גרויסן הויז איינע אַליין. דער געשפּרעך איז געוואָרן צו־ערנסט און מרים האָט פאַרגעשלאָגן אָפּצולייגן די פּראַקטישע פּראָבלעמען אויף מאָרגן.



8.

דער פראַקציאָנעלער קאַמף אין דער פּאַרטיי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט. עס האָט געהאַלטן ביי אַן ערנסטן קריזיס. ל. מיט זיין גרופּע האָבן אויסקריסטאַליזירט אַ פּראָגראַם, וואָס האָט אָפּגעלייקנט געוויסע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער וויסנשאַפט־לעכער מאַרקסיסטישער לערע בנוגע דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפט מיט אירע ציקלען פון אויפלעבונג און עקאָנאָמישן קריזיס.

די ל. גרופּע האָט געלייקנט די מעגלעכקייט פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע. אין זייער פּראָגראַם האָבן די טעאָרעטיקער פון דער גרופּע אָנגעוויזן, אַז אין אַמעריקע וועט קיין עקאָנאָמישער קריזיס ניט פאָרקומען צוליב דעם, וואָס די אָרעמע, אינדוסטריעל־אומאַנטוויקלטע דרום־שטאַטן שטעלן מיט זיך פאַר אַ ניי־אַנטדעקטע אַמעריקע מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו שאַפן באַשעפטיגונג פאַר די אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד און אַנצוהאַלטן הויכע לויך־נאָרמען. די פּאַרטיי האָט שאַרף אויסגעזעצט געגן אָט־דער פאַלשער און פּאַרפירערישער טעאָריע. גלייכצייטיג האָט ל. מיט זיינע אונטער־שטיצער זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די רעקאָמענדאַציעס פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל בנוגע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין דער פּאַרטיי.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ל. מיט זיינע אונטערשטיצער זאָלן פאַרלאָזן די פּאַרטיי. די פּ. גרופּע האָט איבערגענומען די פּאַרטיי־פירערשאַפט. עטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־טוער, וואָס זיינען געשטאַנען מיט דער ל. פראַקציע, האָבן זיך עפנטלעך אָפּגעטרייסלט פון דער אָפּאָזיציע און זיינען געבליבן מיט דער פּאַרטיי. געבליבן איז אויך די איבערוועגנדיגע מערהייט מיטגלידער. בלויז אַ קליינע גרופּע איז פאַרבליבן מיט דער אָפּאָזיציע. מרים איז אַוועק פון דער פּאַרטיי מיט דער ל. גרופּע.

עס איז געווען וויכטיג איינצושטעלן איינִיגקייט, גאַנצקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין די רייען פון דער פּאַרטיי. עס איז אויך געווען נויטיג צו באַזייטיגן יעדן איינפלוס פון דער שעדלעכער ל. אָפּאָזיציע. דער פירער פון דער גרופּע האָט אָרגאַניזירט זיינע נאָכ־פאָלגער און האָט אָנגעהויבן מאַכן עפנטלעכע אַטאַקעס אויף דער פּאַרטיי און אויף דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אַ צאָל פון זיינע נאָכפאָלגער זיינען פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי, כדי דאָרט צו אָרגאַני־זירן אַ נייעם קאָקוס און אונטערגראָבן די פּאַרטיי פון אינעווייניג.

עס איז דערפאַר געוואָרן נויטיג, אַז אַלע געוועזענע נאָכפאָלגער פון דער ל. פראַקציע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי, זאָלן עפנטלעך קלאָר מאַכן זייער שטעלונג. זיי זיינען גערופן געוואָרן צו דערשיינען פאַר ספּעציעלע קאָמיטעטן אין יעדער געגנט און נאָך קורצע פּאָליטישע דיסקוסיעס מיט זיי פלעגן זיי אויפגעפאָדערט ווערן צו מאַכן געשריבענע דערקלערונגען וועגן זייערע איבערצייגונגען און שטעלונגען. די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן געשריבענע דערקלערונגען, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי.

אַוורעמל איז אויך גערופן געוואָרן צו דערשיינען פאַר אַ ספּעציעלן פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער האָט דערקלערט, אַז ער בלייבט מיט דער פּאַרטיי, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין ווייב איז אַוועק מיט דער ל. גרופּע. ער האָט קלאָר געמאַכט, אַז עס וועט אים זיין זייער שווער צו טאָלערירן זיין פרוי׳ס אַנטי־פּאַרטייאישע טעטיגקייט, נאָר אַז זי קאָן ניט האָבן קיין שום איינפלוס אויף זיינע אייגענע איבערצייגונגען און לאָיאַליטעט צו דער פּאַרטיי. ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט צו מאַכן אַ שריפטלעכע דערקלערונג און צו פאַרדאַמען די ל. נאָכפאָלגער ווי פאַררעטער. דאָס, האָט ער דערקלערט, וועט זיכער פירן צו אַ ברוך צווישן אים און זיין פרוי.

אַוורעמל איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. מרים איז דערפון געווען צופרידן. זי האָט געהעצט איר מאַן, אַז די פּאַרטיי ווערט רעגירט פון אַ ביוראָקראַטיע, וואָס זוכט צו קאָנטראָלירן די פּריוואַטע לעבנס פון די מיטגלידער. אַוורעמל האָט זיך מיט איר

ניט געשפּאַרט. ער האָט איינגעשטימט מיט דער פּאַרטיי און פאַר־שטאַנען, אַז די פּאַרטיי האָט אַ רעכט צו פאַרדעכטיגן אַ מיטגליד, וואָס לעבט מיט אַ פרוי, וועלכע איז אַקטיוו אין דער אַנטי־פּאַרטיי־אישער אָפּאָזיציע. ער האָט ניט געוואָלט אַרגומענטירן מיט מרים׳ען, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז פון די אַרגומענטן וועט קיין גוטס ניט אַרויס. ביי אים איז געווען קלאָר, אַז די פּריוואַטע לעבנס פון די פּאַרטיי־מיטגלידער קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון זייער פּאַרטיי־לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי האָט אַ רעכט און אויך אַ פליכט צו באַנוצן איר איינפלוס אויף מיטגלידער, וואָס זייערע פּריוואַטע פאַרבינדונגען קאָנען שעדיגן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי. פון זיין אייגענער דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זיינען די אַרבעטער גענויגט צו באַטראַכטן די פּריוואַטע לעבנס פון די קאָמוניסטן ווי אַ מאָס פון קאָמוניסטישער מאָראַל און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אַז די שונאים פון דער פּאַרטיי זוכן שטענדיג אויסצונוצן דעם קלענסטן פלעק אין דעם פּערזענלעכן לעבן פון אַ קאָמוניסט, כדי צו באַשמוצן די גאַנצע פּאַרטיי. מיט מרים׳ען האָט ער אָבער ניט גערעדט וועגן דעם. ער האָט געוואָלט אויסמיידן קריגערייען. פון דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז שאַרפע פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן קאָנען ניט דיסקוטירט ווערן אויף אַ רואיגן אופן, אָן פּערזענלעכער ביטערניש. דעריבער האָט ער געזוכט אויסצומיידן פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן מיט מרים׳ען, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי איז געווען גערעכט, ווען זי האָט אים אויסגעשלאסן, האָט אים דאָך אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס די פּאַרטיי־חברים האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו נעמען אין אַכט זיין אייגענע לאָיאַליטעט צו דער פּאַרטיי און זיינען באַשטענען אַזוי ברוטאַל אויף דעם, אַז ער זאָל עפּנטלעך פאַרדאַמען זיין פרוי.

מרים האָט געוואוסט, אַז אַוורעמל איז אומרואיג און צעווייטאָגט. דאָס וואָס ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט מיט איר צו רעדן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און האָט פאַרביסן געשוויגן, האָט זי אָנ־

געהויבן שרעקן. זי האָט געזוכט אַ וועג ווי אים צו באַרואיגן. זי האָט אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז ל. מאַכט אַן ערנסטן פאַרזוך צוריק אַריינצוקומען מיט זיין גרופּע אין דער פאַרטיי. אוורעמל האָט אויפגעלעבט. ער האָט איר גע־גלויבט, ווייל ער האָט געוואָלט גלויבן, ווייל ער האָט אין דעם דערזען אַ שנעלן אויסוועג פון זיין אייגענער פאַרפלאָנטערטער לאַגע. נאָך אַלעמען, האָט ער געטראַכט, איז דאָך ל. יאָרן־לאַנג געווען אַ פירער אין דער פאַרטיי. ער מוז דאָך זיין לאָיאַל צו דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג, און די פאַרטיי וועט דאָך זיין צופרידן אויס־צומיידן אַן אָפענעם קאַמף. וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער איז ער געווען איבערצייגט, אַז עס איז מעגלעך צו ליקווי־דירן דעם שטרייט און שאַפן אייניגקייט. דאָס וואָלט דאָך געווען גוט פאַר דער פאַרטיי!

צווישן אוורעמל'ען און מרים'ען האָט זיך איינגעשטעלט אַ מאָדנע אָנגעשטרענגטע באַציאונג פון פאַרזיכטיגער ליבשאַפט. מרים האָט מורא געהאַט, אַז אוורעמל וועט זי פריער אָדער שפּעטער באַ־שולדיגן, אַז צוליב איר איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאַרטיי און איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיינע פריינט און חברים. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן און וועט אויסברעכן אין אַ צאָרן, וואָס וועט צעשטערן איר גאַנץ לעבן. איז זי דערפאַר געוואָרן נאָך צערטלעכער צו אים, ווי זי וואָלט געזוכט מיט איר צערטלעכקייט צו שטילן זיין פּיין.

ער ווידער האָט ניט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך ערגערן, וואָס צוליב איר איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן. דערצו האָט ער געהאָפט, אַז צוליב אים וועט זי זיך אפשר צוריקהאַלטן פון אָפענע אַרויסטריטן און אָנפאַלן געגן דער פאַרטיי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט איר איבערטריבענער צערטלעכקייט זוכט זי אים צו פאַרגיטיגן פאַר זיין גרויסן פאַרלוסט. אי ער האָט אויף איר רחמנות געהאַט, אי עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זי איז אַזוי איידל צו אים אין זיין נויט, האָט ער איר אויך געענטפערט מיט צערטלעכקייט. זיי האָבן ביידע

געוואוסט, אַז אָט־די באַציאונגען זיינען ניט קיין ספּאָנטאַנע, נאָר צו־געטראַכטע, באַ׳חשבונ׳טע, נאָר זיי האָבן ניט געמאַכט קיין פאַרזוך דאָס אָפּצושטעלן.

איינמאָל האָט מרים אויף אַ זייער פאַרזיכטיגן אופן געבעטן אַוורעמל׳ען ער זאָל גיין מיט איר צו אַ וויכטיגן מיטינג פון דער ל. גרופּע. זי האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ל. וועט דאָרט באַריכטן וועגן זיינע באַמיאונגען צוריקצוברענגען די גרופּע אין דער פּאַרטיי. אַוורעמל האָט ניט געוואָלט גיין, נאָר זי איז צו־געשטאַנען צו אים און אים געבעטן ער זאָל איר צוליב טאָן. צוליב דער איבערטריבענער צערטלעכקייט, וואָס האָט איצט רעגולירט זייערע באַציאונגען, האָט ער איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן. דערצו איז ער געווען נייגעריג אויסצוגעפינען מער וועגן דער מעגלעכקייט צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

ביים מיטינג האָט אַוורעמל זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. ער האָט געפילט אַ מאָדנע פרעמדקייט צווישן די נעכטיגע חברים. אויף די באַגריסונגען פון זיינע באַקאַנטע האָט ער געענטפערט מיט אַ קורצן, שטומען שאָקל מיטן קאָפּ. ווען די באַגריסונגען זיינען גע־וואָרן צו אָפּט, האָט ער אַריינגעגראָבן זיינע אויגן אין אַ צייטונג, ביז דער מיטינג האָט זיך געעפנט.

דער פאַרזיצער פון מיטינג איז געווען ג., אַ געוועזענער פּאַרטיי־פירער. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ קורצן באַריכט וועגן דעם דערפאָלג פון דער ל. גרופּע און געזאָגט, אַז די גרופּע וואַקסט אין צאָל און אין איינפלוס, אַז די פּאַרטיי שרומפּט איין, אַז עס וועט שוין באַלד ניט זיין וועמען אויסצושליסן. און דאָ האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן אָנפאַל אויף די פּאַרטיי־פירער, אויף דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אויף די פירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַוורעמל איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט ניט גע־גלויבט זיינע אייגענע אויערן. אַזעלכע רייד האָט ער געהערט פון די ווילדסטע שונאים פון דער פּאַרטיי. אַזעלכע עקלדיגע באַ־שולדיגונגען און וואולגאַרע באַמערקונגען וועגן דער קאָמוניסטישער

דער באַראַבאַנשטשיק פון דעם ל. קאָקוס האָט גערעדט ווי
אַ פּראָוואָקאַטאָר.



פּאַרטיי האָט ער געהערט פון ווייס־גוואַרדייאישע שונאים. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ג. זאָל זיין פייאיג אויף אַזאַ אָפּענעם אומפאַרשעמטן פאַרראַט. ער איז געוואָרן אַן אויפגעצאַרנ־טער. מיט אַלע זיינע כּוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן ניט אַרויס־צושרייען: „פאַררעטער! אַזוי רעדט אַ פּראָוואָקאַטאָר!"

ער האָט זיך געפּרואווט באַרואיגן. נאָך אַלעמען, האָט ער גע־טראַכט, איז ג. דאָך קיינמאָל ניט געווען קיין אמת'ער פירער. ס'איז דאָך ניט געווען קיין סוד אין דער פּאַרטיי, אַז ער באַזיצט ווייניג טעאָרעטישן וויסן און נאָך ווייניגער פּאָליטישן שכל. קיין מאַסן־פירער איז ער קיינמאָל ניט געווען. ווען ניט דער אומגליקלעכער פראַקציאָנעלער קאַמף, וואָלט ער דאָך איצט ניט געקאָנט שפּילן די ראָלע פון אַ וויכטיגער פיגור. ער איז דאָך פאַקטיש אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דער פּאַרטיי דורך זיין קאָקוס. אוורעמל האָט דעריבער באַשלאָסן צו איגנאָרירן די רייד פון אָט־דעם פּאָליטישן עם־הארץ, וואָס אַפילו די אָנהענגער פון זיין גרופּע האָבן אים גערופן „דער באַראַבאַנשטשיק פון דעם ל. קאָקוס", צוליב זיין געזונטער שטימע.

פון ל.'ס הויפּט־באַריכט וועגן די פאַרהאַנדלונגען צוריק אַריינ־צוטרעטן אין דער פּאַרטיי האָט אוורעמל דערוואַרט אַ סך. ער איז אָבער געבליבן ביטער אַנטוישט. ל. האָט געהאַלטן די זעלבע פּראָ־וואָקאַטאָרישע רעדע ווי זיין באַהעלפער ג., נאָר אויף אַ כיטרען אופן, איינגעוויקלט אין „טעאָריע" און מאַרקסיסטישע און לעניניסטישע פּסוקים, וואָס ער האָט פאַרדרייט און געטייטשט ווי אים האָט זיך געלוינט. ער האָט כלומרשט אויסגעדריקט זיין באַדויער, וואָס די פּאַרטיי ווערט פאַרניכטעט, וואָס דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל פאַרניכטעט אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט און שטעלט אין געפאַר די גרויסע רעוואָלוציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט גערעדט לאַנג. אוורעמל האָט געשמייכלט. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס אָט־דער געשיקטער פּאָליטישער קונצן־מאַכער קאָן אים ניט אָפּנאַרן מיט זיין אַקראָבאַטישער אַרגומענטאַציע. איצט האָט אוורעמל שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס די פּאַרטיי רייניגט אויס אַזוי אַנטשלאָסן

די ל. אָנהענגער. איצט האָט ער פון ל.׳ס אייגן מויל געהערט רייד, וואָס בלויז פּראָוואָקאַטאָרס נוצן כּדי צו פאַרניכטן די פּאַרטיי. „גוואַלד“, האָט ער געטראַכט, „ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אָט־די מענטשן זיינען ערשט־אָ געווען די פּאַרטיי־פירער?“ ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזוינע פירער איז די פּאַרטיי ווירקלעך געווען אין גרויס געפאַר.

ווען ל. האָט געענדיקט, האָט אַווּרעמל געוואָלט אַרויס פון זאַל, ווייל ער האָט עס שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. נאָר ער האָט געהערט, אַז זיין מרים ווערט גערופן צו דער פּלאַטפאָרמע, איז ער געבליבן זיצן. אַ געדאַנק האָט ביי אים אַ בליץ געטאָן: „מרים וועט זיי שוין דערלאַנגען! זי וועט פון זיי מאַכן אַ תּל!“ צו זיין שטוינונג און טיפן ווייטאָג, האָט אָבער מרים גערעדט אין דעם זעלבן גייסט און אין דעם זעלביקן טאָן ווי די פריערדיקע רעדנער. אַווּרעמל האָט געביסן די ליפּן. מרים׳ס רייד האָבן אים געשניטן ווי מעסערס. „מרים, מרים“, האָבן זיינע ליפּן שטיל געשעפּטשעט. ער האָט דער־פילט ווי ער זינקט. די מענטשן אין זאַל האָבן געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ פאַר זיינע אויגן. ער האָט געזוכט זיך אָנצוהאַלטן אָן עפּעס, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון בענקל. פּלוצים האָט ער דערהערט זיין מרים׳ס שאַרפע שטימע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דעם זאַל:

„אַן אויפריכטיקער קאָמוניסט מוז בלייבן לאָיאַל צו זיינע אידעאַלן און איבערצייגונגען, אַפילו ווען ער מוז פאַר דעם באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז.“

אַווּרעמל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף. „ביזט גערעכט, מרים“, האָט ער שטיל געזאָגט. ער האָט אויף גיך זיך אַרויס־געגליטשט פון זאַל. איצט האָט ער געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז אַוועק אַהיים, געיאָגט פון אַ מורא׳דיקער טרייב־קראַפט.

9.

אָורעמל איז אַריין אין הויז, האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דעם שרײַב־טיש, און געשריבן:

„טײַערע מרים:

„האָסט הײַנט אָונט אין דײַן רעדע בײַ אײַער מיטינג געזאָגט, אַז אַן אויפריכטיגער קאָמוניסט מוז בלײַבן לאָיאַל צו זײַנע אידעאַלן און איבערצײַגונגען, ווען אַפילו ער מוז פאַר דעם באַצאָלן דעם העכסטן פּרײַז. איך שטים איין מיט דיר.

„וועסט דעריבער פאַרשטיין פאַרוואָס איך גיי אַוועק פון דיר. אויב איך זאָל אָנגיין מיט מײַן איצטיק לעבן, וואָלט איך געהאַנדלט ווי אַ פּייגלינג און אַ היפּאָקריט. איך וואָלט זיך אָנגעהויבן פײַנט האָבן און וואָלט דיך אויפגעהערט ליב האָבן.

„עס וועט מיר זײַן זייער שווער צו לעבן אָן דיר, אָבער מיט דיר, אַ שונא פון דער פּאַרטיי, קאָן איך ניט וואוינען אונטער איין דאַך. ווען דו וועסט באַשליסן אַוועקצוגיין פון די פאַררעטער, וועל איך קומען צו לויפן צו דיר. אויב ניט, מוזסטו פאַרגעסן אָן מיר.

„אַ דאַנק דיר, מרים, פאַר די שיינע און ליכטיגע טעג און פאַר דער גרויסער פרייד, וואָס דו האָסט אַרײַנגעבראַכט אין מײַן לעבן פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט. אַ שאָד, וואָס אונזער גרויסע פרייד ווערט צעשטערט. אָבער אַנדערש קאָן עס ניט זײַן.

אָורעמל.“

ער האָט איבערגעלאָזט דעם בריוו אויף דעם טיש און איז גיך אַרויס פון הויז. אַ לאַנגע צייט האָט ער שפּאַצירט איבער אומ־באַקאַנטע געסלעך אָן אַ ציל. ער האָט גאָרניט געטראַכט. ער האָט ניט געקאָנט טראַכטן. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אָן אַ זין, ווי אין אַ חלום, און קיין איינעם פון זיי האָט ער ניט געקאָנט נאָכפאָלגן צו עפּעס אַ שלוס. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען שטיקלעך און ברעקלעך רעדעס, וואָס ער האָט געהערט ביים מיטינג. פריש האָבן געקלונגען זיין מרים׳ס ווערטער — „אַ קאָמוניסט מוז בלייבן לאָיאַל צו זיינע איבערצייגונגען...". ער האָט געמורמלט אָן אויפהער די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן צו מרים׳ען: „אַנדערש קאָן עס ניט זיין."

עס איז אים באַפאַלן אַ מורא׳דיגע מידקייט. זיין קערפּער איז געוואָרן שווער, ווי אַנגעגאָסן מיט בליי. ער האָט קוים געקאָנט רירן מיט די פיס. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערקענט די געגנט, ווייט פון דער היים. ער איז אַריין אין אַ קליינעם רעסטאָראַן. עס איז ניט געווען צו ליכטיג, און עס איז אויך ניט געווען צו ריין אין דעם רעסטאָראַן. ער האָט באַ־שטעלט עסן און קאַווע. דער קעלנער האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז אויב ער וויל אַ טרונק בראָנפן, קאָן ער עס קריגן. אוורעמל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ווען ער האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע ביסל בראָנפן, האָט ער זיך פאַרקרימט פון דעם שטאַרקן ביטערן טעם. דאָך האָט ער באַשטעלט אַ צווייטן טרונק. דער בראָנפן האָט אים אָפּגעפרישט. ער האָט באַשטעלט נאָך אַ טרונק. דער קעלנער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז פאַר בראָנפן באַצאָלט מען באַלד נאָך דעם טרונק. אוורעמל האָט אַ שמייכל געטאָן, דערלאַנגט דעם קעלנער אַ פינפערל און באַשטעלט אַ גאַנץ פלעשל. ער האָט געגאָסן אין זיך איין גלעזל נאָכן צווייטן. ווען עס איז אים שוין שווער געווען איינ־צוזיצן אויף דעם בענקל, האָט אים דער קעלנער אַרויסגעפירט פון רעסטאָראַן, אים אַנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט ניט ווייט פון רעסטאָראַן און אים דאָרט איבערגעלאָזט.

„קום מיט מיר, דו גרויסער נאַר“, — האָט זי געזאָגט און אים אַרומגענומען.

אורעמל האָט זיך געוואָקלט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. מיט אַלע כוחות האָט ער געפּרואווט זיך האַלטן אויף די פיס. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום אים אין משונה׳דיגע קרייזן, און ער האָט זיך געוויגט מיט די הייזער און מיט דער גאַנצער גאַס. די פאַרשפּעטיגטע פאַרבייגייער האָבן מיט אַ שמייכל צוגעקוקט ווי אַ שיכור דראַפּעט זיך אויף די ווענט.

אַ גאַסן־מיידל איז צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט באַמערקט אין שיין פון לאָמפּ זיין איידעלן פּנים און האָט אַ זאָג געטאָן מער צו זיך ווי צו אים:

— אָרעמער יונג, האָסט זיך אָנגעזשליאָקעט מיט דעם סם. אויב דו וועסט ניט קראַפּירן, וועסטו זיין אַ גליקלעכער.

זי האָט אים גענומען ביים אָרעם און אים אונטערגעהאַלטן, אַז ער זאָל ניט פאַלן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר, האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיינע ליפּן זיינען געווען פּאַראַליזירט. ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן צו איר, און ניט געקאָנט.

— קום מיט מיר, דו גרויסער נאַר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ באַפעלנדיגער שטימע. זי האָט אים אַרומגענומען און אים געפירט. מיט וואַקלדיגע טריט האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיגער פינצטערער גאַס און האָט שווער געהאָרעוועט ביז זי האָט אים, שטופּנדיג און שלעפּנדיג, אַריינגעפירט צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי אים אַוועקגעלייגט אויף דעם ברייטן בעט, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן, עפּעס אַ מורמל געטאָן און אויפגעהויבן די הענט, וואָס זיינען צוריקגעפאַלן אויף דעם בעט ווי שטיקער האָלץ. באַלד איז ער איינגעשלאָפן ווי אַ שטיין. זי האָט אַרונטערגענומען זיינע שיך, מיט מי אַרונטערגעצויגן זיין רעקל, אויפגעבונדן זיין קראַוואַט, אויפגעשפּיליעט זיין קאָלנער און אים צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע. ווען זי איז פאַרטיג געוואָרן מיט איר אַרבעט, וואָס זי האָט דורכגעפירט מיט געשיקטע, דערפאַרענע הענט, האָט זי שטיל אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט איר צימער.

— דזשעק, — האָט זי שטיל געררופן, — דאָס בין איך, פלאָרענס. קום אַריין.

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ הויכער געזונטער יונג מיט אַ גרויסן קאָפּ, גראָבע ליפּן און אַ פלאַטשיקער נאָז, האָט זיך אָן אַ רעקל, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל, שטיל אַריינגעגליטשט אין צימער.

— האָסט שוין ווידער אַריינגעבראַכט אַ מת, — האָט דזשעק מיט אַ הייזעריגער שטימע געזאָגט צו פלאָרענס׳ן, באַטראַכטנדיק אָורעמל׳ען, וואָס איז געשלאָפן ווי אַ טויטער. — וואו געפינסטו זיי?

— דו דערלייגסט טאָקע צו זיי, נעבעך, — האָט פלאָרענס גע־ענטפערט. דזשעק האָט אַ בליק געטאָן אויף איר מיט זיינע שוואַרצע אויגן און האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— דו, האַלט דיין מויל!

ער האָט אַ ריס געטאָן די קאָלדרע פון אָורעמל׳ען, אים מיט איין האַנט אונטערגעהויבן און מיט דער צווייטער באַטאַפּט זיינע קעשענעס. פון איינער פון די קעשענעס האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ לעדערנעם געלט־טאַש, אַ וואַלעט. ער האָט געעפנט דעם וואַלעט און דערזען וואָס ער האָט געזוכט — געלט, צענערלעך און צוואַנציגער. ער האָט אַ צופרידענער אַ ברום געטאָן:

— ניט שלעכט.

פלאָרענס האָט זיך צוגערוקט און געכאַפּט אַ קוק אין וואַלעט. דזשעק האָט אויף איר אָנגעשריען:

— וואָס שטופּסטו די נאָז? — ער האָט אַריינגערוקט אָורעמל׳ס וואַלעט אין דער הינטערשטער הויזן־קעשענע און באַפוילן:

— ווער פון אים פּטור אַזוי גיך ווי ער וועט לעבעדיג ווערן. אָבער מאַמע אים ניט. ער קאָן נאָך מיינען, אַז דאָ איז אַ יתומים־הויז און דו ווילסט אים אַדאָפּטירן. שיק אים אויף פרישער לופט וואָס גיכער. פאַרשטייסט? אויב ער וועט אָנהויבן קרייען, זאָלסטו אַ קלאַפּ טאָן אין טיר.

ער איז אַרויס פון צימער.

ווען אַוורעמל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען אין מיטן טאָג. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, אַריינגענומען דעם קאָפּ איןביידע הענט און שלעפּעריג אַ רוף געטאָן:

— מרים!

— גוט מאָרגן, — האָט פלאָרענס, וואָס איז געלעגן אין בעט, געענטפערט.

אַוורעמל האָט האַסטיג אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט פון וואַנען דער „גוט מאָרגן" איז געקומען. ווען ער האָט דערזען פלאָרענס'ן, איז ער פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט אויף גיך פאַרקנעפּלט זיין העמד, האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין רעקל, וואָס איז געהאַנגען אויף דעם אָנלען פון אַ בענקל, און האָט אָנגעהויבן זוכן זיין הוט.

— האָסט ניט קיין הוט, — האָט פלאָרענס געזאָגט, — האָסט אים מסתמא פאַרלאָרן דאָרט וואו דו האָסט געטרונקען.

— האַ? — האָט אַוורעמל אַ פרעג געטאָן. ער האָט מעכאַניש אַ זוך געטאָן אין די קעשענעס. זיין וואַלעט האָט געפעלט. פלאָרענס האָט זיך געררוקט אונטער דער קאָלדרע. אַוורעמל איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, האָט אַריינגעלאָזט זיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס, און געזאָגט:

— הער זיך איין, אין מיין וואַלעט איז געווען געלט. קענסט עס האַלטן, אָבער אין וואַלעט איז אויך געווען עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר. גיב דאָס מיר אָפּ. דו דאַרפסט עס ניט.

פלאָרענס איז אַרויס פון בעט, האָט ענג פאַרבונדן דעם שנור אַרום דער קימאָנאָ, וואָס האָט איינגעהילט איר פעטן קערפּער, און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. אין אַ סעקונדע איז שוין דזשעק געווען אין צימער.

— האַ? — האָט דזשעק אַ ברום געטאָן מיט זיין הייזעריגער שטימע, — וואָס קאָכט זיך דאָ?

פלאָרענס האָט אים דערציילט, אַז דער גאַסט טראַכט אויף איר אויס אַ בלבול, אַז זי האָט צוגענומען זיין וואַלעט.

— אַזוי, — האָט זי געזאָגט, — דאַנקט ער מיר אָפּ וואָס איך האָב אים אַ טויט־שיכור'ן אויפגעהויבן פון רינשטאָק, אַריינגעבראַכט אין הויז און אים געגעבן מיין אייגן בעט.

אָורעמל האָט זיך געווענדעט צו דזשעקן:

— מיסטער, איך וויל ניט דאָס געלט אין מיין וואַלעט. זאָל זי דאָס געלט האַלטן פאַר זיך. איך בעט בלויז זי זאָל מיר אָפּגעבן עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס געפינען זיך דאָרט. זי דאַרף עס ניט. פאַר איר איז עס ווערטלאָז. זאָל זי מיר דאָס אָפּגעבן, וועל איך גיין אַהיים.

— און אויב ניט, וואָס וועסטו טאָן? — האָט דזשעק געפרעגט.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט.

אָורעמל האָט פאַרשטאַנען די שפּיל. ער האָט געהערט און אויך געלייענט וועגן די מעטאָדן פון דער אונטערוועלט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און רואיג געזאָגט צו דזשעק'ן:

— מיך, ברודערל, קענסטו ניט אָפּשרעקן. איך גיי ניט אַרויס פון דאַנען ביז איך קריג ניט צוריק מיינע זאַכן.

— האָ, — האָט דזשעק בייז אַ ברום געטאָן, — ווילסט איך זאָל רופן פּאָליציי?

— רוף, — האָט אָורעמל געענטפערט.

— אַזוי, ביסט אַ קנאַקער? — ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אָורעמל'ען ביים אָרעם און אים גענומען שטופּן צו דער טיר.

אָורעמל האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל. דזשעק איז בלאַס געוואָרן פון כעס. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַ ברען געטאָן. ער האָט אַ זעץ געטאָן אָורעמל'ען אין פּנים. אָורעמל האָט זיך איבערגעקערט מיט דעם בענקל.

— נו, איצט גייסטו, אָדער ווילסט נאָך?

אַורעמל האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן, זיך געלאָזט מיט קליינע געמאָסטענע טריט צו דער טיר און געהיט דזשעק׳ן, וואָס איז גע־שטאַנען ווי אַ צערייצטע חיה. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אויסערגעוויינטלעכער פלינקייט אַ זעץ געטאָן דזשעק׳ן אין דער געזונטער מאָרדע. יענער איז אַוועקגעפאַלן אויף דעם בעט, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט, אָבער אַורעמל האָט אים באַגעגנט מיט אַ צווייטן זעץ אין פּנים. עס האָט אַ הילך געטאָן אין צימער. דזשעק איז ווידער געפאַלן אויפן בעט. אַורעמל האָט אים אַ הויב געטאָן מיט זיין לינקער האַנט און מיט דער רעכטער געהאַמערט דזשעק׳ן איבערן קאָפּ.

פלאָרענס איז צוגעלאָפן צו אַורעמל׳ען און געשריען:

— לאָז אים אָפּ, נאַדיר דעם וואַלעט.

זי האָט אויף גיך אַרויסגעשלעפּט דעם וואַלעט פון דזשעק׳ס קעשענע און דאָס דערלאַנגט אַורעמל׳ען. דזשעק איז געלעגן אַ באַ־וואוסטלאָזער אויפן בעט. זיין פּנים איז געווען פאַרשוואָלן. פון זיין מויל האָט גערונען בלוט.

אַורעמל האָט אַן עפן געטאָן דעם וואַלעט. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. ער האָט אַריינגעלייגט דעם וואַלעט אין קעשענע און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ביסט אַ פיינער מענטש, — האָט פלאָרענס געזאָגט בייז, — ווילסט מיר אָפּילו ניט באַצאָלן פאַר דעם נאַכטלעגער.

אַורעמל האָט אַרויסגענומען אַ צען־דאָלער פּאַפּירל פון וואַלעט און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש. ער האָט אַ טראַכט געטאָן אַ רגע, האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש נאָך אַ צענערל און איז אַרויס פון הויז.

די פרישע לופט האָט אים אויפגעמינטערט. ער האָט זיך אַריינ־געזעצט אין אַ טעקסי און געזאָגט דעם שאָפער וואוהין צו פאָרן. אין איינער פון די גאַסן, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט, איז ער אַרויס

פון טעקסי און אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן, וואו ער האָט באַ־שטעלט עסן און שוואַרצע קאַווע. ער איז געזעסן ביים טישל אַ צע־וויטאָגטער. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, זיך דערמאָנט אָן דעם בריוו, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף דעם שרייב־טיש אין הויז, ווען זיין בלאָנדזשען איבער די גאַסן, וועגן דעם קליינעם, שמוציגן רעסטאָראַן, וואו ער האָט זיך אָנגע׳שיכור׳ט. פאַר קיין פאַל האָט ער זיך אָבער ניט געקאָנט דערמאָנען, ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין יענעם צימער. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „גוואַלד, וואָס איך האָב דאָס אָפּגעטאָן אין די לעצטע עטלעכע שעה!"

אים האָט איצט באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט פאַרפירט אַ געשלעג מיט יענעם בויאַן. וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען יענער נוצט אַ מעסער אָדער גאָר אַ רעוואָלווער? עס האָבן שוין פּאַסירט אַזוינע זאַכן. עס איז דאָך אויך געווען מעגלעך, אַז ער זאָל אַרעסטירט ווערן, אַז עמיצער פון די שכני׳ זאָל רופן אַ פּאָליסמאַן. „וואו איז געווען מיין פאַרשטאַנד?" — האָט ער זיך געפרעגט. די געשיכטע וואָלט נאָך אפשר באַשריבן געוואָרן אין די ציטונגען. פיינע נייעס וואָלט דאָס געווען! פאַרוואָס האָט ער וועגן דעם פריער ניט אַ טראַכט גע־טאָן? ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז אים אָפּגעגאַנגען גלאַט. אָבער וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל פאַרמישט ווערן אין אַ מיאוס׳ן סקאַנדאַל? צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן?

מיטאַמאָל האָט אַוורעמל אַ ציטער געטאָן. „מיין פּאַרטיי־ביכל! מיין פּאַרטיי־ביכל!" — האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט אַרויס־גענומען זיין וואַלעט און אַ קוק געטאָן אינעווייניג. זיין פּאַרטיי־ביכל איז דאָרט געווען. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט. „אָבער איך בין דאָך מער ניט קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי געשלאָגן פאַר דעם ביכל?"

ער האָט אָפּגערוקט זיין אויסגעליידיגט קאַווע־טעפּעלע און זיך אַליין געענטפערט: „איך האָב זיך געשלאָגן פאַר מיין פּאַרטיי־ביכל, ווייל די פּאַרטיי איז מיר טייער, ווייל ס׳איז מיין פּאַרטיי. דערפאַר בין איך אַוועק פון מרים׳ען. איך מוז צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

איך מוז צוריק ווערן טעטיג. צוריק צו מיינע חברים. וואָס גיכער אַלץ בעסער. היינט נאָך. יאָ, היינט אָוונט. ניין, שוין! ניט אָפּלייגן. איך וועל אָנשרייבן אַ דערקלערונג טאַקע דאָרט אין פּאַרטיי־אָפּיס. יענע דאָרט זיינען פאַררעטער, אַ געפאַר פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. מען מוז זיי באַקעמפן אָן רחמנות."

ער איז אַרויס פון רעסטאָראַן און האָט מיט פעסטע טריט אַוועקגעשפאַנט צום פּאַרטיי־אָפּיס. ער האָט טיף געאָטעמט די פרישע לופט. עס איז אים מיטאַמאָל גרינגער געוואָרן. באַלד־באַלד וועט זיין פּלאַנטער אויפגעפּלאָנטערט ווערן. ער וועט ווידער זיין חבר ברוידע, דער לאָיאַלער, טעטיגער מיטגליד פון דער פּאַרטיי. יאָ, אַזוי מוז עס זיין. אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין.



.10

אין דער פּוטערוואַרג־אינדוסטריע האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ סטרייק. די גאַסן, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די שעפער און קראָמען פון פוטערוואַרג, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואָפנטן לאַגער. דער גאַנצער געגנט איז געווען אָנגעפּילט מיט פּאָליציי. לעבן יעדער געבײדע זיינען געשטאַנען „בלויע רעק" מיט די דובינקע־„קלאַבס" אין די הענט. אויף ביידע זייטן פון יעדער גאַס האָבן געוואַכט רייטנדיגע פּאָליסלייט. זייערע טרענירטע אויס־געפּאַשעטע פערד האָבן פאַרשטאַנען יעדע באַוועגונג פון זייערע רייטער. פּאָליסלייט אין קליינע ווייס־געפאַרבטע אָטאָמאָבילן זיינען אַרומגעפאָרן הין און צוריק איבער די גאַסן. דעטעקטיוו זיינען גע־שטאַנען פאַרדוקט אין די ווינקלען און האָבן מיט געניטע אויגן באַטראַכט יעדן פאַרבייגייער.

אויף ביידע זייטן פון די גאַסן האָבן מאַרשירט הין און צוריק לאַנגע שורות סטרייקערס. דאָס זיינען געווען די פּיקעטס. אויף דער ברוסט און אויפן רוקן האָט יעדער פּיקעט געטראָגן אַ פּלאַקאַט. אויף די פּלאַקאַטן איז געווען אויפגעשריבן: „מיר פאָדערן אונזער קאָנ־סטיטוציאָנעלע רעכט צו באַלאַנגען צו אונזער יוניאָן. מיר פאָדערן יוניאָן־שכירות און יוניאָן־באַדינגונגען." אַן אָנגעשטרענגטע נער־ווען זיטעט האָט דורכגענומען דעם גאַנצן געגנט. דער מינדסטער גערויש, אַן אומשולדיגע הויכע שטימע האָט אַרויסגערופן אַ ציטער צווישן די פּיקעטס און דער פּאָליציי.

אויף די פּנימ'ער פון די סטרייקערס איז געווען אויסגעגאָסן אַן אַנטשלאָסנקייט, וואָס איז די באַלעבאַטים געווען זייער גוט באַקאַנט; אַן אַנטשלאָסנקייט אויסגעפורעמט פון ליידן, פון נויט, פון טיפן פּראָ־טעסט געגן אומדערטרעגלעכע עוולות.

אַוורעמל האָט מיט אַ גרופּע סטרייק־אָנפירער לאַנגזאַם מאַר־שירט איבער די גאַסן. דאָ און דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געשמועסט מיט סטרייקערס, מיט מיטגלידער פון די קאָמיטעס, אויס־געהערט זייערע קורצע באַריכטן און זיי געגעבן אינסטרוקציעס וועגן פאַרשטאַרקן די פּיקעט־ליניעס, וואו עס איז געווען נויטיג. לעבן איין געביידע, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט פאַריער־שעפער אויף אַלע צוויי און דרייסיג שטאָק, האָט אַוורעמל זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט מיט די טשערלייט (פאַרזיצער) פון די שעפער און מיט די סטרייקערס.

אַ גרויסער שוואַרצער אַטאָמאָביל איז פּלוצים ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן און איז געבליבן שטיין געגנאיבער דער ריזיגער גע־ביידע, וואו אַוורעמל האָט גערעדט מיט די פּיקעטס. די טירן פון דעם אַטאָמאָביל האָבן זיך געעפנט. עטלעכע הויכע געזונטע מענער זיינען גיך אַרויס אויפן גאַס.

— אָט איז ער, — האָט איינער פון זיי אָנגעוויזן אויף אַוורעמל'ען, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון די סטרייקערס. זיי האָבן זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צו אים און גענומען דורכ־האַקן אַ וועג צווישן די פּיקעטס. מיט שטיקער אייזנס האָבן זיי גע־האַקט איבער די קעפּ און לייבער פון די סטרייקערס.

„געננ־גס־טערס!" — האָט אַ געשריי דורכגעשניטן די לופט. די גאַסן האָבן אַ ציטער געטאָן. פון אַלע זייטן האָבן הונדערטער סטריי־קערס זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון דעם געשריי. פּאָליס־לייט זיינען מיטגעלאָפן. אַנדערע האָבן מיט זייערע קלאָבס געקלאַפּט איבערן האַרטן אַספאַלט פון די גאַסן. זייער קלאַפּעריי האָט זיך צעטראָגן און אָפּגעהילכט איבער דעם גאַנצן געגנט. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו די אַנדערע פּאָליסלייט, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין אַ ווילדן געלאַף צו קומען צו הילף זייערע חברים. עטלעכע פּאָליסלייט האָבן מיט נערוועזע פינגער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע זייערע שטאָלענע פּייפעלך, וואָס זיינען געהאַנגען אויף גראָבע שטאָלענע קייטלך, און געפּייפט מיט אַלע כוחות. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעלאָפן די קליינע ווייסע פּאָליצייאישע אַטאָמאָבילן און האָבן מיט זייערע

הילכיגע פייפערייען פאַרטויבט די לופט. פענצטער פון די געביידעס האָבן זיך געעפנט, און מענער און פרויען האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ אויסצוגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן. ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען צום פּלאַץ, וואו דאָס בלוטיגע געשלעג איז אָנגעגאַנגען, זיינען שוין די גענגסטערס געווען איינגעקלעמט אין אַ רינג פון הונדערטער סטרייקערס, וואָס זיינען געשטאַנען איינער איינגעפּאַסט אין צווייטן, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעהאַמערט פון איין שטיק. אינעווייניג אין רינג האָבן מוסקולירטע אַרבעטער־הענט, ווי אייזערנע שטאַנגען, מיט שטאָלענע פינגער געהאַלטן די גענגסטערס ביי זייערע הענט און פיס און קעפּ, אַזוי אַז יענע האָבן זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעריסן די שטיקער אייזנס, וואָס די גענגסטערס האָבן געבראַכט מיט זיך, און זיי געוואַנט געגן די גענגסטערס.

די הויכע און שטאַרקע פּאָליסלייט האָבן מיט די אַקסלען געפּרואווט דורכברעכן די פעסטע וואַנט פון די סטרייקערס, אָבער אָן דערפאָלג. זיי האָבן אָנגעכאַפּט זייערע קלאָבס ביי די עקן מיט ביידע הענט, און מיט דעם הוילן קיילעכדיגן שטיק האָלץ האָבן זיי מיט אַלע כוחות געדריקט אויף די סטרייקערס אין סאַמע מיטן רוקן. אַרבעטער האָבן געפילט, אַז זייערע רוקנס ווערן צעבראָכן און זייערע קערפּערס ווערן צעשניטן אין צווייען. זיי האָבן געשריען פון ווייטאָג, אָבער די פּאָליציי האָט אַלץ ניט געקאָנט דורכברעכן דעם רינג. זיי זיינען צעווילדעוועט געוואָרן און האָבן גענומען שלאָגן די סטרייקערס מיט קלאָבס איבער די פיס און קערפּערס. פאַרצווייפלטע געשרייען האָבן געריסן די לופט. פרויען־סטרייקערס האָבן היסטעריש געקוויטשעט. עס זיינען אָנגעלאָפן די רייטנדיגע פּאָליסלייט און מיט זייערע פערד אַריינגעפאָרן אין דער מענגע אַרבעטער. די רייטער האָבן געשיקט קאָמאַנדעוועט מיט די פערד; די פערד האָבן זיך צוריקגעהאַלטן, ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין חשק צו טרעטן איבער מענטשן. ווען זיי האָבן אָבער דערפילט די שפּאָרן אין זייערע ריפּן, האָבן זיי אָנגעהויבן פּאָלגן. מיט די קיילעכדיגע, קרעפטיגע הינטנס

רייטענדיגע פּאָליציי זיינען מיט זייערע פערד אַריינגעפאָרן אין דער מענגע אַרבעטער.



האָבן זיך די פערד אַריינגעשטופּט אין מענטשן־רינג און אים אויפֿ־געריסן. אַ סך אַרבעטער זיינען געפֿאַלן צו דער ערד, און די פערד האָבן מיט שאַרפֿע פּאָדקאָוועס געטראָטן אויף זיי. מיט אַ ווילדן רעווען און קוויטשעריי איז אָנגעלאָפֿן אַ גרויסער פּאָליציי־וואָגן אָנגעלאָדן מיט טרערן־באָמבעס. די פּאָליסלייט זיינען גיך אַרויס פֿון וואָגן און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע האַרט לעבן וואָגן, גרייט צום באַפֿעל.

ווען עס האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן דער פּאָליציי צו צעררייסן דעם רינג, איז שוין געווען צו־שפּעט. פֿיר גענגסטערס זיינען געלעגן אויף דעם אַספֿאַלט צעקיילטע, צעבלוטיגטע. דריי אַנדערע צע־ממית׳טע גענגסטערס, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף די פֿיס, זיינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן פֿון עטלעכע פּאָליסלייט. אַן אַמבולאַנס איז אָנגעלאָפֿן. דאָקטוירים אין ווייסע אָנצוגן האָבן באַהאַנדלט די באַוואוסטלאָזע גענגסטערס, וואָס זיינען געלעגן אויף דער ערד. דער־נאָך האָבן זיי אויף טראָג־בעטלעך אַריינגעטראָגן די גענגסטערס אין אַמבולאַנס און זיי אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל.

די פֿאַרוואונדעטע סטרייקערס זיינען אויך גיך אַוועקגעפֿירט געוואָרן פֿון אַנדערע סטרייקערס אין יוניאָן־אָפֿיס. פֿון דאָרטן זיינען זיי אין אָטאָמאָבילן אָפּגעפֿירט געוואָרן צו פּריוואַטע דאָקטוירים. אַוורעמל איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט צען אַנדערע סטריי־קערס. ער איז געווען שטאַרק צעשלאָגן. זיין פּנים איז געווען גע־שוואָלן. פֿון נאָז און מויל האָט גערונען בלוט. די אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרן אין געריכט. די גענגסטערס, וואָס די פּאָליציי האָט זיי אַוועקגעפֿירט פֿון דעם פּלאַץ, וואו עס איז פֿאַרגעקומען דאָס געשלעג, זיינען אין געריכט ניט געווען. זיי זיינען ווי דורך אַ כּישוף פֿאַרשוואונדן. די אַנדערע גענגסטערס זיינען געלעגן אין שפּיטאָל.

ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, איז געווען קלאָר, אַז דער דיסטריקט אַטוירני (פּראָקוראָר) איז אָנטשלאָסן צו פֿאַרשיקן אַוורעמל׳ען אין פּריזאָן. ער האָט צוגעשטעלט עדות, וואָס האָבן גע־שוואָרן, אַז זיי האָבן געהערט און געזען, ווי אַוורעמל האָט געהעצט

אַנדערע און זיך אַליין באַטייליגט אין געשלעג. אַ הויכער געזונטער דעטעקטיוו מיט אַ רויטן פּנים און קליינע אויגעלעך האָט געשוואוירן, אַז ער האָט געזען ווי אָורעמל האָט מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט זיך באַטייליגט אין געשלעג. די הויפּט־עדות געגן אָורעמל׳ען זיינען געווען אַ פאַבריקאַנט, וואָס איז געווען באַוואוסט ווי אַ ביטערער געגנער פון דער יוניאָן, און זיין פאָרמאַן (אויפזעער אין שאָפּ), אַ נאַצי, וואָס האָט איינמאָל אַריינגעמאַרשירט אין שאָפּ אָנגעטאָן אין אַ נאַצי־מונדיר.

די יוניאָן האָט באַוויזן דורך אירע עדות, אַז אָורעמל איז גע־שטאַנען מיט די סטרייקערס פון דער געביידע און געפּירט אַ פרידלעכן געשפּרעך; אַז די גענגסטערס, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם געשלעג, זיינען ניט קיין אַרבעטער אין פאַך; אַז זיי זיינען אָנגעפּאַרן אין אַן אָטאָמאָביל און זיינען מיט שטיקער אייזן באַפאַלן די סטריי־קערס. דער אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן האָט אַרויסגעבראַכט אין געריכט, אַז דער באָס פירט שוין צוואַנציג יאָר אַ קאַמף געגן דער יוניאָן און אַז דער פאָרמאַן איז אַ נאַצי, אַ היטלער־אַגענט, וואָס האָט אָפן אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז היטלער זאָל באַהערשן אַמעריקע און אויסראָטן די יוניאָנס און די אידן.

די יוניאָן האָט פאַרלאָרן. דער באָס, דער נאַצי און דער דיס־טריקט אַטוירני האָבן געוואונען. אָורעמל איז געפונען געוואָרן שולדיג.

איידער דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, האָט דער דיסטריקט אַטוירני געלייענט אין געריכט אַ לאַנגן צעטל אומ־געזעצלעכע אַקטן, וואָס אָורעמל זאָל האָבן באַגאַנגען אין פאַרלויף פון אַ צאָל יאָרן. ער האָט געלייענט הויך אויפן קול און מיט דראַמאַטישן עפעקט.

ערשטנס, איז ברוידע אַרעסטירט געוואָרן אַ סך מאָל, שטענדיג אין פאַרבינדונג מיט סטרייקס און אַנדערע אַרבעטער־אומרוען.

צווייטנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן ביי עטלעכע אַרבעטער־

דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען אינספּירירט געוואָרן פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי.

דריטנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט איינער פון די הונגער־דעמאָנסטראַציעס, ווען אַרבעטסלאָזע האָבן אויף דעם רוף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מאַרשירט קיין וואַשינגטאָן צו פאָדערן, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן מלוכה׳שע פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע.

פערטנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווען ער האָט געפירט אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטלאָזע צום סיטי האָל און האָט געפאָדערט מער שטאָטישע רעליף (הילף).

פינפטנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן צוריק אַריינגעטראָגן דאָס מעבל פון אַ שכן, וואָס האָט ניט געצאָלט קיין רענט צוליב אַרבעט־לאָזיגקייט און איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דעם הויז־איינגנטימער אויף אַ געזעצלעכן אופן.

זעקסטנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווען ער האָט געפירט מאַסן־דעמאָנסטראַציעס לעבן דעם איטאַליענישן און דייטשישן קאָנ־סולאַטן, וואו די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט באַ־ליידיגנדיגע אויפשריפטן געגן די רעגירונגען פון דייטשלאַנד און איטאַליע, און ער, ברוידע, האָט פון די טרעפּ פון דעם דייטשישן קאָנסולאַט געהאַלטן אַ רעדע, ניט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט פון דער פּאָליציי, און האָט געפאָדערט, אַז אונזער לאַנד זאָל אָפּברעכן באַציאונגען מיט דייטשלאַנד. דערמיט האָט ער שיעור ניט אַריינ־געבראַכט אונזער רעגירונג אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט.

— ווי איר זעט, יור האָנאָר (הער ריכטער), — האָט דער דיס־טריקט אַטורני געזאָגט, — איז ברוידע אַ פּראָפעסיאָנעלער אַגי־טאַטאָר, וואָס מאַכט אַן טראָבל, און איז אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט.

כדי נאָך קלאָרער אַרויסצוברענגען ברוידע׳ס פאַרבראַבענעם כאַראַקטער, האָט דער דיסטריקט אַטורני צוגעגעבן:

— איך וויל אייך אינפאָרמירן, יור האָנאָר, אַז ער וואוינט ניט מיט זיין פרוי, און אַז ער האָט צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט פון זיין שווער — אַ רייכער, ערנהאַפטער בירגער — אים אַריינצושטעלן אין ביזנעס און אים באַזאָרגן מיט דעם נויטיקן קאַפּיטאַל. ווי איר זעט, יור האָנאָר, האָט ברוידע אויסגעקליבן דעם וועג פון אומגעזעצ־לעכקייט אַלס זיין לעבנס־פּראָפעסיע. איך פאָדער דערפאַר, אַז ער זאָל קריגן די העכסטע שטראָף לויט אונזער געזעץ.

דער ריכטער האָט געפרעגט אַוּוּרעמל'ען, צי ער האָט עפּעס צו זאָגן איידער ער גיט אַרויס דעם אורטייל. אַוּורעמל האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס דער דיסטריקט אַטוירני האָט דערציילט וועגן זיינע טעטיגקייטן, איז אמת; אַז ער האָט זיך באַטייליגט אין אַ סך סטרייקס און אין דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטלאָזע, וואָס גייען אויס פון הונגער און וואָס זייערע פרויען און קינדער זיינען קראַנק און האָבן ניט קיין געלט צו רופן אַ דאָקטער און קויפן מעדיצין; אַז עס איז אַ פאַרברעכן, וואָס אונזער גרויס און רייך לאַנד פירט ניט איין קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר די אַרבעטער, וואָס ווערן אין יעדן עקאָ־נאָמישן קריזיס אַרויסגעוואָרפן פון די שעפּער אוןליידן הונגער און נויט.

— עס איז אויך אמת, — האָט אַוּורעמל געזאָגט, — אַז איך האָב געפירט אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע לעבן דעם הויז פון דעם דייטשישן קאָנסול. די נאַצי־רעגירונג מאָרדעט אידן, האָט דערשטיקט די יוניאָנס, האָט פאַרשפאַרט די בראַווסטע פרייהייטס־קעמפער אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, און גרייט זיך אָנצוצינדן אַ מלחמה־פייער איבער דער גאַנצער וועלט.

און ווייטער האָט ער געזאָגט:

— אמת, איך וואוין ניט מיט מיין פרוי, ווייל זי איז אַן אַקטיווער שונא פון מיין פאַרטיי און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. איך האָב אויך צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט פון מיין רייכן שווער מיך אַריינצו־שטעלן אין ביזנעס, ווייל איך וויל ניט, אַז אַנדערע מענטשן זאָלן פאַר מיר אַרבעטן. איך בין שטאָלץ אויף מיינע טעטיגקייטן אַלס מיט־

גליד פון מיין יוניאָן און פון מיין פּאַרטיי. אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען האָבן מיך פריער ניט אָפּגעשראָקן און וועלן מיך ווייטער ניט אָפּשרעקן. מיינע טעטיקייטן זיינען ניט אומגעזעצלעך. די קאָנסטיטוציע פון אונזער גרויס לאַנד גאַראַנטירט יעדן בירגער דאָס רעכט צו פּראָטעסטירן געגן אומרעכטן, און איך באַטראַכט עס פאַר מיין פליכט צו קעמפן פאַר אַ בעסערער אַמעריקע, וואָס זאָל גאַראַנטירן אירע זין און טעכטער עקאָנאָמישע זיכערקייט און פרייהייט.

דער ריכטער האָט פאַראורטיילט אַוורעמל'ען צו אַכצן חדשים פריזאָן און האָט אויסגעדריקט זיין גרויסן באַדויער, וואָס דאָס געזעץ דערלויבט אים ניט צו פאַרשיקן אַזאַ פאַרברעכער אויפן גאַנצן לעבן.

די אַרבעטער האָבן צאָרנדיג פּראָטעסטירט געגן דעם ברוטאַלן אורטייל, אָבער אַוורעמל איז פאַרשיקט געוואָרן אין געפענגעניש. ווען ער איז אָפּגעזעסן דעם טערמין און איז צוריקגעקומען, איז ביי די אַרבעטער געווען אַ גרויסער יום־טוב. דער יוניאָן־אָפיס איז אינמיטן טאָג באַלאַגערט געוואָרן. יעדער האָט זיך געשטופּט צו כאַפּן אַ קוק אויף אַוורעמל'ען, זיך באַגריסן מיט אים.

דער באַנקעט, וואָס די יוניאָן האָט איינגעאָרדנט צו פייערן די באַפרייאונג פון איינעם פון אירע בעסטע און אַקטיוויסטע מיטגלידער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער, הערלעכער דעמאָנסטראַציע. די פירער פון דער יוניאָן און פאַרשטייער פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן באַגריסט אַוורעמל'ען און געלויבט זיין מוטיגע אויפפירונג.

ווען אַוורעמל האָט נאָך אַ לאַנגער אָוואַציע ענדלעך אָנגעהויבן רעדן, האָט ער געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, חברים, פאַר אייער האַרציגער אויפנאָמע. עס איז זייער גוט צו זיין מיט אייך אויף דער פרייהייט. אין פריזאָן איז ני טזייער אנגענעם. דאָס שווערע, מאָנאָטאָנע לעבן דאָרטן איז געצילט אונטערצוגראָבן דעם מוט, אָפּשוואַכן דעם קאַמפס־גייסט אינאיינעם מיט דעם געזונט פון די פאַראורטיילטע. אָבער אויף אַ געטרייען זון פון זיין קלאַס און זיין פאָלק האָט שטראָף אַ פאַרקערטע

ווירקונג. דער געפיל פון פראָטעסט געגן אומגערעכטיגקייט און דער שטאַרקער ווילן צו באַקעמפן די, וואָס אונטערדריקן און באַעוולה׳ן דאָס פאָלק, ווערט אין פריזאָן ניט אָפגעשוואַכט, נאָר פאַרשטאַרקט. דער מוט און קאַמפס־גייסט פון אַ קאָמוניסט ווערט געפאַנצערט און געקרעפטיגט דורך זיין דורשט נאָך אמת׳ער פרייהייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען און דורך זיין טיפן גלויבן, אַז דער זיג פון דעם פשוט׳ן מענטשן איז אומפאַרמיידלעך. איצט בין איך ווידער פריי און איך וועל פרואוון אָניאָגן די פאַרלאָרענע אַכצן חדשים דורך פאַרדאָפלטער אַרבעט. איך ווייס, אַז איך בין שולדיג דער באַוועגונג אַכצן חדשים טעטיגקייט און איך וועל גוט מאַכן מיין חוב. אַזעלכע חובות איז אַ גרויסע פריווילעגיע צו באַצאָלן.

.11

ווען פון שפאניע האט זיך איבער דער גאנצער וועלט צעטראגן דער הילפס־רוף געגן דעם מערדערישן אנפאל פון די פאשיסטן, איז אורעמל געווען איינער פון דער ערשטער גרופע קעמפער, וואס זיינען פרייוויליג געפארן קיין שפאניע צו קעמפן געגן די פאשיסטישע בעסטיעס.

פון צייט צו צייט האבן די יוניאן־טוער געקראגן גרוסן פון אורעמל'ען. לויט די קנאפע באריכטן האט זיך אורעמל אויס־געצייכנט אין א צאל שלאכטן און האט זיך באליבט געמאכט צווישן די שפאנישע און אויסלענדישע קעמפער. ער איז דערהויבן געווארן צו א הויכן ראנג. עטלעכע מאל איז ער לייכט פארוואונדעט געווארן און האט זיך יעדן מאל געריסן צוריק צו דער פראנט־ליניע. ער האט דורכגעפירט עטלעכע מיסיעס, וואס האבן געפאדערט מוט, פעסטע נערוון און א קלארן קאפ. די דערפארונגען, וואס ער האט אנגעזאמלט אין דער ארבעטער־באוועגונג, זיינען אים צונוץ געקומען אויך איף די מיט־בלוט־אויסגעווייקטע שלאכטפעלדער אין שפאניע. ער האט אליין געקעמפט און האט באגייסטערט זיינע חברים צום קאמף.

בלויז איין בריוו האט אורעמל געשריבן צו זיינע חברים אין אמעריקע. דאס איז געווען זיין ערשטער און לעצטער בריוו. ער האט געשריבן:

„טייערע חברים:

„ווען איר וועט דערהאלטן מיין בריוו, וועל איך שוין ניט זיין מער צווישן די לעבעדיגע. היינט ביינאכט וועל איך צוזאמען מיט א גרופע חברים, וואס האבן זיך פרייוויליג אנגעבאטן פאר דער

מיסיע, פאַרנעמען איינע פון די וויכטיגסטע פּאָזיציעס, וואָס מוזן פאַרטיידיגט ווערן, לויט די אינסטרוקציעס פון דעם שטאַב, ביז צום לעצטן מאַן און ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. זייט זיכער, חברים, אַז דער באַפעל וועט דורכגעפירט ווערן פון יעדן איינעם פון אונזער גרופּע.

„מיר ווייסן, אַז קיין איינער פון אונז וועט זיך ניט ראַטעווען. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז מיט אונזערע לעבנס וועלן מיר באַשיצן אַ סך אַנדערע לעבנס, באַשיצן די פרייהייט ניט בלויז פון שפּאַנישן פאָלק, נאָר פון אַלע פעלקער, אויך פון אונזער אַמעריקע און פון אונזער אידישן פאָלק. „נאָ פּאַסאַראַן!" איז אונזער לאָזונג, אונזער באַשלוס. כל זמן מיר לעבן, וועלן די פאַשיסטן ניט דורכגיין.

„די אויסלענדישע חברים דאָ קעמפן ווי לייבן. אָבער דאָס איז גאָרניט אין פאַרגלייך מיט די שפּאַניער. יענע זיינען ווירקלעכע העלדן. זיי לאַכן דעם טויט אין פּנים אַריין. זייער האַס צום שונא איז אַזוי שטאַרק ווי זייער ליבע צו זייער פאָלק און לאַנד.

„נאָר העלדן־מוט אַליין איז ניט גענוג. מען דאַרף האָבן געווער אויף צוריקצושלאָגן די מערדערלעכע פאַשיסטישע באַנדעס, וואָס קריגן זייערע וואָפן פון היטלער'ן און מוסאָליני'ן. גיט אונז וואָפן, און מיר וועלן פאַרניכטן די שפּאַנישע פאַשיסטן און אויסמאָרדן יעדן איטאַליענישן פאַשיסט און יעדן דייטשישן נאַצי, וואָס וועט אַרויפשטעלן אַ פוס אויף דער שפּאַנישער ערד.

„גיט אונז וואָפן, און מיר וועלן ראַטעווען דאָס שפּאַנישע פאָלק און די גאַנצע וועלט פון דער פאַשיסטישער פעסט. די שפּאַנישע חברים קאָנען פאַר קיין פאַל ניט באַגרייפן פאַרוואָס די דעמאָקראַטישע פעלקער בלייבן גלייכגילטיג צו דעם גרויסן אומגליק פון דעם שפּאַנישן פאָלק. אַ בלינדער קאָן דאָך זען, זאָגן זיי, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון אַ ריזיגער טראַגעדיע, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער גאַנצער וועלט. ווען היטלער און מוסאָליני וועלן זיגן אין שפּאַניע, וועט דאָך דאָס זיין אַ טריאומף פון פאַשיזם ניט בלויז געגן שפּאַנישן פאָלק, נאָר געגן פרייהייט אומעטום!

זיי האָבן געהאַלטן די פּאָזיציע ווי לאַנג עס האָט געקלעקט זייער געווער און זייער אָטעם.

„וואָס זאָל איך זאָגן צו אָט־די העלדישע זין פון שפּאַנישן פאָלק, ווען זיי פרעגן מיך פאַרוואָס האָט די דעמאָקראַטישע, פרייהייט־ליבנדיגע אַמעריקע באַשלאָסן צו פאַרווערן דעם שפּאַנישן פאָלק צו קויפן וואָפן? טשעמבערלעין׳ס שפּיל איז קלאָר: ער איז מקריב שפּאַניע, כדי די נאַציס זאָלן באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער פאַרוואָס זאָל אַמעריקע מיטשפּילן אין אָט־דער טראַגישער שפּיל? און פאַרוואָס זאָל פראַנקרייך באַגיין זעלבסטמאָרד דורך מיטשפּילן אין דעם טראַגישן פאַרס פון „נאָן־אינטערווענציע״? איז דען ניט קלאָר פאַר די סאָציאַליסטן אין פראַנקרייך, אַז דער טויט פון דער פרייער שפּאַניע איז אויך דער אונטערגאַנג פון דער פרייער פראַנקרייך?

„די שפּאַניער זיינען העלדן, אָבער זיי דאַרפן האָבן געווער. בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד העלפט דעם אומגליקלעכן שפּאַנישן פאָלק. בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שיקט זיי שיפן מיט עסנוואַרג, מעדי־קאַמענטן און געווער. אָבער עס דויערט לאַנג ביז די סאָוועטישע שיפן קומען צו די שפּאַנישע ברעגן. אַ סך ווערן געזונקען פון היטלער׳ס און מוסאָליני׳ס סובמארינס.

„שפּאַניע מוז קריגן מער הילף — הילף פון אַמעריקע, פון פראַנקרייך און פון ענגלאַנד קאָן ראַטעווען שפּאַניע און די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט.

„די צייט וואַרט ניט. באַלד וועט אונזער גרופּע, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, זיך אַרויסגליטשן פון דעם רו־אָרט וואו מיר רייניגן די ביקסן און גרייטן זיך צו פאַרנעמען אונזער פּאָסטן. וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, בין איך זיכער, אַז איר, חברים, וועט דער־פילן אייער פליכט און אָנשטרענגען אַלע אייערע כוחות צו ראַטעווען די וועלט פון די פאַשיסטישע באַנדיטן.

„איך ווייס, אַז מיינע שעה׳ען זיינען געציילטע. איך נוץ אויס מיינע לעצטע פרייע מינוטן אייך אַלעמען אויסצודריקן מיין האַרציגן דאַנק, מיין ליבשאַפט צו אייך. גיט איבער מיין ליבע צו אונזער פּאַרטיי, וואָס האָט מיך געדולדיג געלערנט און דערצויגן און מיר געוויזן דעם וועג.

„זייט געזונט, חברים. טויט דעם פאַשיסטישן שונא! „ביז דעם לעצטן מאַן, ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט" — דאָס איז אונזער באַפעל, און ער וועט דורכגעפירט ווערן.

מיט הייסן חבר'שן גרוס,

אייער אַוורעמל ברוידע."

אַוורעמל מיט זיין גרופּע האָבן דורכגעפירט דעם באַפעל. די פאַשיסטן האָבן זיך ניט געקאָנט דורכרייסן, כל זמן אַוורעמל מיט זיין אָפּטייל האָבן געקאָנט באַוועגן מיט אַן אבר. מיט זייערע מאַשין־ביקסן און עטלעכע מאָל מיט זייערע באַגנעטן האָבן זיי אויסגעבערענט לעכער אין די פאַשיסטישע רייען. זיי האָבן געהאַלטן די פּאָזיציע ווי לאַנג ס'איז געווען נויטיק, ווי לאַנג ס'האָט געקלעקט זייער געווער און זייער אָטעם — ביזן לעצטן מאַן, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

מאַדריד איז געראַטעוועט געוואָרן. קיינער פון אַוורעמל'ס גרופּע איז ניט געבליבן לעבן, אָבער — מאַדריד איז געראַטעוועט געוואָרן.

פאַרטאָג זיינען געקומען פאַרשטאַרקונגען. די פאַשיסטן האָבן זיך צוריקגעצויגן. אַוורעמל'ען האָבן די חברים געפונען ביי זיין מאַשין־ביקס. ער האָט נאָך געלעבט. אַנדערע פון זיין גרופּע האָבן נאָך געלעבט. מ'האָט זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. און אין שפּיטאָל האָבן אויסגעפעלט די נויטיגע מעדיקאַמענטן.

אַפילו די פאַרהאַרטעוועטע שפּאַנישע קעמפער, וואָס האָבן גע־לאַכט דעם טויט אין פּנים אַריין, האָבן ניט געקאָנט באַהאַלטן זייער טיפן צער, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז חבר ברוידע, דער אַמעריקאַנער פרייהייטס־העלד, איז טויט.



אַוורעמל
בּרוידע